STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09587

TSUM HUNDERTSTN GEBOYRNTOG FUN SHIMEN FRUG

S. G. Frug

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג

פון

שמעון פרוג

זאַמלונג

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

צונויפגעשטעלט פון

נחמן מייזיל

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון אבראשא שיינאק (בן צבי)
און זיינע זין אביגדור און ישעיהו

TZUM HUNDERTSTN GEBOIRNTOG FUN SHIMEN FRUG

(THE CENTENNIAL OF THE POET SHIMEN FRUG)

Published by
Yiddisher Kultur Farband (Ykuf)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband
New York, N. Y.
1960

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

Printed in U.S.A.
by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט:

שמעון פרוג — דער מענטש און דיכטער — נחמן מייזיל — 5
דער דיכטער פון טרויער און האָפנונג — ראובן ברייני — 24
וועגן פרוגן — — — — — — — — מ. י. בערדיטשעווסקי — 28
וויכטיקסטע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון שמעון פרוג — נ. מ. 29

לידער פון שמעון פרוג

צו מיינע לעזער — — — — — — — — — — — — — — — 31
מיין ליד — — — — — — — — — — — — — — — — 31
צום שרייבער — — — — — — — — — — — — — — — 32
אַ מעשהלע פון אַ געוועזענעם ערד־אַרבעטער — — — — — 32
זאַמד און שטערן — — — — — — — — — — — — — 33
אַ בלעטל ווידוי (1890) — — — — — — — — — — — 34
שבועות — — — — — — — — — — — — — — — — 38
אַ זומער נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 38
הער צו די תפילה — — — — — — — — — — — — — 39
איינער פון די בעסטע (צו מיכל גאָרדאָן) — — — — — — 40
אויף מיכל גאָרדאָנס קבר — — — — — — — — — — — 42
דער אָדלער (געווידמעט ש. י. אַבראַמאָוויטש) — — — — — 42
האָט רחמנות — — — — — — — — — — — — — — — 43
אין אַ ווינטער־נאַכט — — — — — — — — — — — — 44
ניי־יאָר — — — — — — — — — — — — — — — — 46
די פאָן — — — — — — — — — — — — — — — — 46
פּאַראַויס — — — — — — — — — — — — — — — 47

ליד צו אַרבעט	48
די תפילה	49
דער רויטער קראַנץ	50
אויפן בית־עלמין	51
שווער צו זינגען	52
משה רבינוס קבר (לכבוד ר' מענדעלע מו"ס)	52
פרילינג־ליד	54
וויג־ליד	54
דריי חברים	56
צוויי טראַיקעס	58
דעם שמש טאָכטער (אַ פאָלקס־לעגענדע)	60
מיין עפּיטאַפּיע	63
דער בעכער (פון רוסיש — י. ל. פּרץ)	65
טראָג אַוועק מיין נשמה (פון רוסיש — אַברהם זאַק)	66
דער וואַלד־חלום	66
דער מאַי־ווינט	68
פרילינג־טרוים	70
דער שמייכל (לעגענדע)	71

די לידער פון דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען גענומען געוואָרן פון ש. פרוגס „אַלע שריפטן" (אין 3 בענד, ניו-יאָרק, 1910). אויסער די 3 לעצטע לידער „דער מאַי-ווינט", „פרילינג-טרוים", „דער שמייכל", וועלכע זיינען נאָך אין קיין בוכפאָרם ניט געווען! זיי זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין „אידישע וועלט", פעטערבורג 1912. — נ. מ.

נחמן מייזיל

שמעון פרוג — דער מענטש און דיכטער

.1

דער 100־סטער געבוירנטאָג פון שמעון פרוג האָט דערוועקט אַן אינטערעס צו דעם מענטש און צו דעם דיכטער פרוג. און גוט אַזוי, וואָס מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן אים, אָן זיינע לידער און אָן דעם אָרט, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם יידישן שאַפן. „הכל תלוי במזל", — אַלץ הענגט אָפּ פונעם מזל, און „אַפילו אַ ספר תורה אינעם היכל". און דאָס איז אָפּט אויך דער גורל פון קינסטלער, וואָס אייניקע גאָר וויכטיקע ווערן פאַרלוירן אין גאַנג פונעם לעבן און אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור.

שמעון פרוגן איז באַשערט געווען צו לעבן, צו ווערן באַווירקט און צו ווירקן אין דריי גאַנץ באַזונדערע און פאַרשיידענע וועלטן. פריער ווי אַ קינד פון אַ יידישער ערד־אַרבעטער קאָלאָניע אין באַבראָווי קוט, אין דרום־רוסלאַנד, וואו ער האָט איינגעזאַפּט זון, געלעבט צווישן נאַטור, פעלד און סטעפּ. דערנאָך אין פּעטערבורג, צווישן דער רוסיש־יידישער און רוסישער אינטעליגענץ, שפּעטער אין דער יידישער סביבה און לסוף — אין אָדעס, צווישן העברעיאיש־יידישע שרייבער. אין די פאַרשיידענע וועלטן, קרייזן און סביבות, צווישן די פאַרשיידענע שפּראַכן און קולטורן האָט ער אַנדערש געלעבט און זיך אויסגעלעבט, גענומען און געגעבן גאַנץ־אַנדערש און פאַרשיידן. עס זיינען געווען דערביי האַסטיקע איבערגאַנגען, הין־און־צוריק איינפלוסן, וועלכע האָבן געווירקט אויפן מענטש און דיכטער, און געמוזט אים ברעקלען און שפּאַלטן. אין אייניקע לידער, סיי רוסישע און סיי יידישע, האָט פרוג גופא גערעדט וועגן דעם, אָנגעוויזן אויף די ווידערשפּרעכנדיקע כוחות, וואָס האָבן געשטריטן אין אים און אין זיין שאַפן. צו דעם אַלעמען באַדאַרף מען צוגעבן נאָך אַ וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט — דאָס איז די תנכישע, ביבלישע וועלט, וואָס איז אים אַלץ נעענטער געוואָרן, פון וועלכער ער האָט געשעפּט אָן אויפהער און וואָס האָט אים כסדר אינספּירירט... און אַוודאי האָט ער פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון די קינדער־יאָרן, געצויגן זיין יניקה אַלע יאָרן, ווי ער דערמאָנט עס אָפּט אין זיינע לידער. עס איז געווען נישט איין קוואַל, נאָר פיל קוואַלן, צו וועלכע ער איז אָפּט צוגעפאַלן ווי אַ דורשטיקער. אָט די פאַרשיידענע וועלטן האָבן אים צוגעצויגן. און ס'איז געווען אַן עשירות, אַ געוואַלטיקע שפע, פון וועלכע ער האָט זיך אָפּט פאַרכלינעט... און ווער ווייסט, קאָן זיין, ווען ער וואָלט ראשו ורובו, מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן געלעבט און אויס־

געלעבט זיך אַלע זיינע יאָרן דורכאויס אין איין גייסטיק־שפּראַכלעכער סביבה און אַטמאָספער, וואָלט ער געוועזן גאַנצער, וואָלט ער אַלץ מער געוואַקסן און אויפ־געוואַקסן אין אַ גרויסן, דערהויבענעם און שלימותדיקן דיכטער. ער וואָלט אַלץ טיפער זיך איינגעוואָרצלט אין דעם איינגעהיימישטן באָדן, און וואָלט נישט געפילט זיך אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, אַן איבעריקער.

באַבראָווי־קוט, פעטערבורג, אָדעס, — האָבן זיך כסדר געראַנגלט אין אים; דאָס יידישע לשון, די רוסישע שפּראַך און די ביבליש־אגדהשע וועלט האָבן גע־האַלטן אין איין באַהערשן אים און זיין אינערלעך וועזן; דאָס לעבעדיקע נאָך פריי־הייט, די גרויסע וועלט, וואָס האָט געעפנט פאַר אים טיר און טויער און אים געצויגן צו זיך; די פּאָגראָמען און רעכטלאָזיקייט, וואָס האָבן זיך געלייגט שווער אויף זיין געמיט, — דאָס אַלץ האָט צערודערט און צעטרייסלט דעם דיכטער, אָוועקגערויבט זיין זיכערקייט און אים אָפּט געוואָרפן פון די העכסטע הויכן אין די נידעריקסטע אָפּגרונטן. ער קלאָגט צופיל אויפן גורל פון זיין פאָלק און צו אָפּט באַוויינט ער זיך גופא, דעם דיכטער פונעם יידישן פאָלק. ער באַדויערט אָפּט זיין לאַגע און זעט זיך אַ באַטריבטן, אַ געפּאַלענעם. שוין אין די גאָר גליקלעכע זיבן גוטע יאָר פון זיין רום, קלאָגט ער אויס „אַ בלעטל ווידוי". ער איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געוועזן, און „וויט, וויט איז נאָך ביז צו דעם עק פון מיין וועג", „און זעט — ווי איך בין שוין פאַרחושכט [פאַרכוישעכט] געוואָרן".

עס גייט אים „ערשט דאָס דרייסיקסטע יאָר", און ער קלאָגט וועגן זיך: „איך בין אויך אַמאָל אַן אַדלער געוועזן", און „אַלץ, אַלץ האָט געזונגען פון האָפענונג און גלויבן". אָבער ער „איז געוואָרן אַ דיכטער, אַ יידישער דיכטער", און „איר ווייסט וואָס דאָס איז?" און ער ענטפערט: „פאַרשאָלטן איז דער, וועמען גאָט האָט באַשערט צו זיין אַ משורר ביי יידן"... „עס טריפט פון מיין האַרצן מיט בלוט און מיט טרערן"...

ווידערשפּרעכנדיק זיינען אָפּט זיינע געפילן און שטימונגען און אַזוי נעמט ער אויף זיין דאַליע, די דאַליע פון אַ יידישן דיכטער. שמעון פרוג זאָגט אין דעם „ווידוי ליד" (געשריבן אין 1890):

„נאָר איינס איז מיין טרייסט: זאָל עס זיין נאָך גאַנץ ווייט
און לאַנג נאָך צו וואַרטן — איך האָף אָבער, ברודער,
איך גלויב: עס וועט קומען אַ ליכטיקע צייט
פאַר מיינע פאַרוויינטע, פאַריאָמערטע לידער;
עס וועט זיך געפינען אַן ערנסטע האַרץ,
אַ לעזער, וואָס וועט צו מיר זאָגן:
— „וויש אָפּ דיינע טרערן און טו אָפּ דיין שמאַרץ:
דיין ליד אין מיין האַרצן וועל אייביק איך טראָגן!"

שטענדיק האָט ער געטענהט מיט זיך און אָפּט זיך אויסגעטענהט. ער האָט אין זיינע לידער געבראַכט צום אויסדרוק אויך אייגענע פרייד און לייד, געפילן און טראַכטענישן. און על־פּי־רוב גלייך ווי זיי זיינען געקומען צו אים. ער האָט זיי

געלאָזט פליסן און שטראָמען דורך שורות און פערזן. ער האָט זיי נישט געהאַמעוועט, נישט געגעבן זיי קיין מעגלעכקייט אויסצושטיין, ער האָט זיי לאַנג נישט אויסגעטראָגן. דאָס איז זייער מעלה און דאָס איז אויך זייער חסרון. ער איז געווען געטריבן פון עמאָציעס, און דעריבער זיינען ביי אים דאָ אַזוי פיל האַסטיקע איבערגאַנגען אין די לידער. ער זינגט און באַזינגט די וועלט, די נאַטור, זיין אייגן לעבן. ער זינגט אַפּט ווי דער פויגל אין וואַלד, ער שטעלט נישט קיין צוימען פאַר זיין ליד, ער זוכט נישט פאַר זיי קיין ראָמען.

„די פעדער איז מיין סאָבע,
מיין פעלד איז דאָס פאַפּיר,
און וואָס פאַר מזל-ברכה
איז אָנגעגרייט פאַר מיר!"

אַזוי זינגט ער אין זיין ליד „אַ מעשה פון אַ געוועזענעם ערד-אַרבעטער".

ער איז שפּילעוודיק און לייכטמוטיק. ער איז אויך שטיפעריש און גוט-ברודעריש. ער מאַכט נישט קיין אָנשטעל. און בעיקר איז ער עס אין זיינע יידישע לידער, וואו ער פילט זיך באַזונדערס ווי „ביי זיך אינדערהיים".

„מען לעקט פון מיר די פינגער — זאָגט ער — עס קלינגט מיט מיר אַ וועלט", כאַטש „וואָס איז, דאַכט זיך, גרינגער — מאַך לידלעך און נעם געלט".

2.

פרוג האָט דעביוטירט מיט זיינע רוסישע לידער אין 1880, צו 20 יאָר. צוזאַמען מיט די יידישע פאָלקס-מאַסן, מיט דער אינטעליגענץ און משכילים אין רוסלאַנד האָט ער איבערגעלעבט די פאָגראָמען פון 1881 און די גזירות רעות, וואָס האָבן זיך גענומען שיטן אין יענער צייט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויפן געמיט פון ש. פרוג, און געענדערט דעם טאָן, דעם כאַראַקטער, דעם תוך פון זיינע לידער-געזאַנגען.

דער פריילעך-זינגענדיקער דיכטער איז אַריבער אויף נייע מינאָרנע טענער און מאָטיוון. אָנשטאָט רוסלאַנד קומט ביי אים ציון. ש. פרוג ווערט דער טרובאַדור פון דער פּאַלעסטינאָפילער באַוועגונג — סיי אין רוסיש און שפּעטער — אויך אין יידיש. און ש. פרוג, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער יורש, דער פאָרזעצער פון י. ל. גאָרדאָן (יל"ג), דעם העברייאישן משורר-קעמפער, איז געוואָרן נעענטער צו מאַרק וואַרשאַווסקי און צו אברהם גאָלדפאַדען. ס'וואָלט געווען כדאַי אָפּצושטעלן זיך אויף די באַריר-פונקטן און אויף די דירעקטע השפעות פון די צוויי דערמאָנטע דיכטער אויף ש. פרוגן. ליידער איז עס נישט לייכט, ווייל אין די לידער-זאַמלונגען פון ש. פרוגן זיינען זעלטן אָנגעגעבן די דאַטעס פון די לידער. עס זיינען דאָ איינפלוסן פון נ. נעקראַסאָוו און פון אַנדערע רוסישע דיכטער, וואָס די יידישע יוגנט אין רוסלאַנד איז געווען שטאַרק באַווירקט פון איר. אַ גענויערע פאָרשונג קאָן ווייזן די השפעות פון דער רוסישער דיכטונג — נישט נאָר פון לערמאָנטאָוו — אויף פרוגן.

דאָס וואָס מ׳האָט דעם יונגן שמעון פרוג מיט אַזאַ באַגייסטערונג אויפגענומען אין די יידיש־רוסישע קרייזן, איז אַ סימן, אַז מען האָט זיך געבויטיקט אין אַזאַ דיכטונג, און אַז דער דיכטער האָט צוגעטראָפן מיט זיין שאַפן צו דעם געשמאַק און צו די פאָדערונגען פון דעם לייענער־עולם. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון די פעטערבורגער יידיש־רוסישע קרייזן.

אויף אַ פייערלעכן באַנקעט, איינגעאָרדנט דעם 29טן אָקטאָבער 1881 לכבוד דעם גרויסן העברייאישן דיכטער י. ל. גאָרדאָן, צום 25טן יאָרטאָג זינט ס׳איז דערשינען זיין פאָעמע „אהבת דוד ומיכל" (אַרויס אין אָקטאָבער 1856), איז אין אַ געהויבענעם רעסטאָראַן געקומען דאָס סאַמע זעמל־מעל פון פעטערבורגער יידן. און אויף דעם־אַ באַנקעט האָט דער קוים 21־יאָריקער שמעון פרוג געלייענט פאַרן חשובן עולם זיין רוסיש ליד „מאַגוטשאַיאַ לירא" (די מעכטיקע לירע).

די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן י. ל. גאָרדאָן און ש. פרוג, די גרויסע השפּעה פונעם עלטערן אָנערקענטן גאָרדאָן אויפן יונגן פרוג איז אַ זייער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל, וואָס איז ווערט מ׳זאָל אים געניי באַהאַנדלען און אַרומרעדן.

שמעון פרוג האָט אויסגעפיבערט און אויסגעקלאָגט אין זיינע לידער נישט נאָר זיין אייגענעם צער און טרויער, נאָר אויך דעם טרויער, דעם אומעט פון זיין דור. אין דער יידישער פּרעסע, וואו ש. פרוג האָט אָנגעהויבן שרייבן האָט מען זיך געגרייסט, וואָס אַ באַוואוסטער דיכטער, וואָס פאַר אים זיינען אָפן אַלע וויכטיקע רוסישע זשורנאַלן און וואָס באַוואוסטע רוסישע קריטיקער, ווי ק. אַרסעניעוו, א. מ. סקאַביטשעווסקי, לויבן אים, שרייבט פאַר זיי אין יידיש.

אויף וויפל ש. פרוג איז געווען פאָפּולער אויך אויסער רוסלאַנד, קאָן מען זען, וואָס דער באַוואוסטער יידיש־אַמעריקאַנער דיכטער דוד עדעלשטאַט (1866 — 1892) האָט גוט געקענט זיינע לידער. אין אַ בריוו, וואו ער גיט איבער וועגן זיין געמיט־צושטאַנד, ברענגט ער שורות פון פרוגס אַ ליד:

„פרייד אַ טראָפּן — לייד אַ בוס,
דאָס איז אונדזער לעבנס-מאָס".

און אין אַן אַרטיקל וועגן דיכטער, וואו ער וויל באַווייזן דעם אונטערשייד פון אַ „וואָרן [אַן אמתן] דיכטער" און אַ „גראַמען־שרייבער", ציטירט עדעלשטאַט עטלעכע סטראָפן פון פרוגן און רופט זיי אַן „הייליקע ווערטער". אויף דעם האָט, אַגב, רעאַגירט מאָריס ראָזענפעלד אין זיינס אַ ליד קעגן ד. עדעלשטאַטן „צו מיינע קריטיקער" (ק. מרמר — דוד עדעלשטאַט, ניו־יאָרק, 1950, ז״ז 112, 279,113).

מיר זעען עס אויך אין י. ח. ראַבניצקיס אַן אַרטיקל אין „השלח" (1898, ב. 4, ז׳ 466) וועגן דער העברייאישער איבערזעצונג פון ש. פרוגס שירים (יעקב קאַפּלאַן, אַרויס אין „תושיה") י. ח. ראַבניצקי (געחתמעט מיט די אותיות „ב״ק") שרייבט „דער דיכטער ש. פרוג, וואָס זינגט „שיר ה׳ בלשון נכר" (לויטן אויסדרוק פון י. ל. גאָרדאָן, — גאָטס געזאַנג אויף אַ פרעמדער שפּראַך) — איז אַ נאַציאָנאַלער דיכטער אין פולן זינען פונעם וואָרט... זיין וואונדערלעכער פידל איז אינגאַנצן געווידמעט דעם פאָלק... דער משורר האָט אַפילו געפּרוּווט אַמאָל אַרויסברענגען

אין זיינע סטרונעס אַנדערע קלאַנגען, וועלכע האָבן נישט קיין ספּעציעלע שייכות צום יידישן פאָלק, אָבער דאַן האָט געפעלט די שיינקייט און באַשטראַלטקייט פון זיין טאַלאַנט, און זיינע לידער האָבן דאַן געטראָגן אַ געקינסטלטן שטעמפּל. און י. ח. ר. ברענגט, וואָס י. ל. ג. האָט אַמאָל געשריבן אין זיינעם אַ שיר צו פרוגן:

„רוח שיר אדוני פעם תפעמך" / ובלבך תוקד אש אהבת עמך, / ושפתו בשפתך אם אמנס איננה, / כל בנות שירך לשברונותיהם תהימנה" (דער גייסט פון גאָטס מוזע טוט ברויזן אין דיר, און עס פלאַקערט אין דיין האַרץ די ליבע צום פאָלק, און כאָטש זיין שפּראַך איז נישט דיינע, טוט קלאָגן דיין מוזע אויף זייער בראָך).

י. ח. ר. לויבט שטאַרק פרוגס לירישע לידער, וואו „עס פילט זיך גאָר באַזונדער זיין וואונדערלעכער טאַלאַנט, ווייל לויט זיין נאַטור איז ער אַ ליריקער".

אַגב, אַנגעזעענע העברייאישע שרייבער האָבן איבערגעזעצט פרוגן אויף העברייאיש. זייער צאָל איז זייער גרויס.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין ישראל דערשינען אַ נייע זאַמלונג פון ש. פרוגס לידער, אויפדאַסניי איבערגעזעצט פון א. לעווינסאָן.

3.

וועגן שמעון פרוג סוף 80־קער יאָרן, ווען ער איז געווען באַליבט און פאַרערט צווישן דער פעטערבורגער יידיש־העברייאישער און יידיש־רוסישער אינטעליגענץ דערציילט ר. בריינין (1862 — 1939) אין זיין „פון מיין לעבנס־בוך" (איקוף־פאַרלאַג, 1946). בריינין שרייבט:

„ביי דר. י. ל. קאַנטאָר (1849 — 1915) אין הויז האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דעם דיכטער ש. פרוג... דר. קאַנטאָר האָט אַנטדעקט דעם דיכטערישן טאַלאַנט פון ש. פרוג. דאָס איז געווען אין יאָר 1880, ווען דער „רוסקי יעווריי" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען"... צו דער צייטשריפט האָט „פרוג צוגעשיקט זיינע ערשטע ביבלישע געדיכטן פון כערסאָן. דר. קאַנטאָר האָט אויך מיטגעווירקט, אַז די יידישע אינטעליגענץ אין פעטערבורג זאָל אַראָפּברענגען אַהין פרוגן אין יאָר 1881..." (ז' 332).

„פרוג — דערציילט ווייטער ר. בריינין — וועלכער איז עלטער געווען פון מיר נאָר מיט צוויי־דריי יאָר *), איז דאַן געשטאַנען אויף דער הויך פון זיין באַרימטקייט אין דער רוסיש־יידישער וועלט, ווי אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור. דער דעמאָלט באַרימטער רוסישער קריטיקער א. מ. סקאַביטשעווסקי (1838 — 1910), ווי אַנדערע באַרימטע רוסישע שריפטשטעלער, האָט אָנערקענט פרוגס דיכטערישן טאַלאַנט, און אַלע גרויסע רוסישע מאָנאַטשריפטן זיינען געווען אָפן פאַר אים. פרוג איז דאַן געווען דער ליבלינג פון דער יידישער אינטעליגענץ אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן זייער באַשיידן און אים איז ניט פרעמד געווען די זעלבסט־קריטיק".

און ר. בריינין גיט איבער דעם איינדרוק פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט פרוגן

*) ש. פרוג איז געבוירן סוף 1860 און ר. בריינין דעם 16טן מערץ 1862.

אַנהויב 1889: „...דער פרישער ערד־געררוך, דער געזונטער פעלד־דופט און די שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער מוטער־נאַטור, אין וועמעס שויס דער פּאָעט האָט פאַרבראַכט זיינע יינגלשע יאָרן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט קיין פּעטערבורג, האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסוועפּן. ער האָט אויף מיר דאַן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לייכט־לעביקן, לייכט־שוועביקן, פלאַטערנדיקן גרויס־שטאָטישן מענטשן... דער פּעטערבורגער קלימאַט, דער פיזישער און דער גייסטיקער, האָבן אים קיין גוטס נישט געטאָן סיי פיזיש און סיי גייסטיק".

„אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקענט, יאַנואַר 1889, האָט ער געהאַלטן ביים אויסניכטערן זיך און ער איז געווען באַשיידן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן שפּאַסיקע געשיכטעס און לעבנס־פּאַסירונגען און זיך לוסטיק מאַכן, זיך וויצלען. אָבער אין אַלעם דעם האָב איך געפילט זיין אינערלעכע אומצופרידנקייט. אים האָט אָנגעהויבן צו ציען צוריק צו דרום־רוסלאַנד און צו די זייניקע" (ז' 333).

„זיין ערשטער דיכטערישער פלי — שרייבט ר. ברייגין — איז געווען שטאַרק און העכער ווי דער דורכשניט. דאָס פּעטערבורגער לעבן האָט אָפּגעשוואַכט זיינע דיכטערישע פליגלען. ער האָט נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע קראַפט העכער צו פליען... פרוגס אָריגינעלע קראַפט איז געלעגן אין די ביבלישע טעמעס, באַזונדערס דאַן, ווען ער האָט באַקלאָגט דעם טרויעריקן שיקזאַל פון זיין פאָלק. די פּעטערבורגער לעבנס־באַדערפעניש האָבן אים געצוואונגען אָנצוהויבן שרייבן לייכטערע, אויבער־פלעכלעכע פּראָזאאישע זאַכן, אין וועלכע ער האָט, אמת, אַרויסגעצייגט טאַלאַנט, אָבער שוין ניט מער אָריגינעל. אינטואיטיוו האָב איך דערשפּירט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט פרוגן, אַן אָנגעווייטיקטן פּונקט אין זיין אינערלעכן וועזן. עס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון זיין שפּעטערדיקער אינערלעכער טראַגעדיע. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן אומבאַקוועם און פרעמד אין דער רוסישער געזעל־שאַפט. נאָך די ערשטע לויב־געזאַנגען, וואָס אים איז אויסגעקומען צו הערן פון רוסישע שריפטשטעלער, זיינען געקומען קנאה, שנאה און ארונטערזעצונגען. קיין שטאַרקן רוקנביין האָט ער אויך ניט פאַרמאָגט (ז"ז 333 — 334).

און ר. ברייגין גיט איבער, אַז „זיצנדיק אין דר. קאַנטאָרס און ש. ז. לוריעס געזעלשאַפט פלעגט זיך אַנטפּלעקן, ווען אַפילו אין אַ שפּאַסיקער פאָרם, זיין ביטער־לעכע אַנטוישונג. עס איז געווען אַ טריאָ פון אַנטוישטע" (ז' 334).

און אָט נאָך אַ שילדערונג פון ש. פרוגן אין יענער צייט.

דוד פרישמאַן, אין זיין אַרטיקל, געשריבן נאָך ש. פרוגס טויט, אין 1916, גיט איבער אַ מערקווירדיקן עפּיזאָד פון ש. פרוגן אין פּעטערבורג, ווען ער, פרוג, איז אַלט געווען אַ 27 יאָר. פרישמאַן רעדט וועגן דער „טראַגעדיע פון אַ דיכטער, וועלכער חלומט אויף איין שפּראַך און שרייבט אויף דער צווייטער", — און „די טראַגעדיע ווערט אַלץ גרעסער, ווען אין דער דאָזיקער צווייטער שפּראַך ווערסטו אַ מייסטער און שרייבסט אויף איר אַזוי וואונדערבאַר שיין"...

דוד פרישמאַן פרעגט, צי „האָט ש. פרוג די דאָזיקע (טראַגעדיע) געפילט שוין דאַן, אין יענע גוטע טעג, ווען דער טומל אַרום אים איז נאָך געווען אַזוי שטאַרק?" און ער ענטפערט: „מיר דאַכט זיך, אַז יאָ! אין יאָר 1887 איז עס געווען. מיר

האָבן בײדע געװאױנט דאַן צוזאַמען אויף אײן קװאַרטיר, אויף אָפּיצערסקאַיאַ אין פּעטערבורג. און אָט געדענק איך אײן מאָל בײנאַכט. עס האָט שוין געמוזט זײן אַוודאי אַ זײגער דרײ. דאָ איז ער אַראָפּ אַ האַלב־נאַקעטער פון זײן געלעגער און האָט זיך אַװעקגעזעצט שטיל בײם עק פון מײן בעט און האָט מיך געפרעגט, אויב איך שלאָף. ער האָט מיך אָנגעהויבן צו קושן און צו האַלדזן. פּלוצעם האָט ער זיך צעװײנט. „װעמען האָב איך דאָ און װאָס האָב איך דאָ?״ איך האָב די װערטער קוים פאַרשטאַנען פאַר גרויס אויפרעגונג אין זײן שטימע. — „איך שרײב און שרײב אַלץ װידער, און בין אַזוי אַלײן און פאַרלאָזן!״

„אין אַזאַ צושטאַנד — דערציילט ד. פרישמאַן — האָב איך אים געזען נאָר דאָס אײנציקע מאָל. צומאָרגנס איז ער שוין װידער געװען דער אַלטער [פריערדיקער], דער בליענדיקער יונגערמאַן מיט די לאַכעדיקע, ליכטיקע און קלאָרע אויגן, און דעם מאַנטל האָט ער גענומען און איז אַװעקגעפאָרן אויף אַ מיטאָג צו אַ באַרימטן רוסישן רעדאַקטאָר, צו װעלכן ער איז געװען פאַרבעטן״... (דוד פרישמאַן — געשטאַלטן, 1938 װאַרשע, ז״ז 70־71).

.4

ש. פרוג איז געװען נישט נאָר באַליבט בײ לײענער, נאָר ער האָט אויך באַאײנפלוסט די ײדישע דיכטער פון זײן צײט. עס דערציילט אַברהם רײזען (1876 — 1953) װעגן זײנע אײגענע ערשטע דיכטערישע שריט, װעגן זײנע לירישע לידער און ער זאָגט: „אַפילו פרוגס ערשטע לידער אין „פאָלקסבלאַט״, װאָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם מיט זײער װאונדערלעכן קלאַנג (פונקט װי בײ פושקינען! — פלעג איך דעמאָלט פאַרגלײכן מיט אַנטציקונג), האָבן באַהאַנדלט סאָציאַלע און ײדישע מאָטיװן, מיט אַן אויסנאַם פון אײניקע סטראָפן, װוּ דער דיכטער פלעגט זיך, װי קעגן זײן װילן, אַװעקטראָגן אויף פליגלען פון דער פאַנטאַזיע. אײן ליד אַזאַ האָט טאַקע געהאַט [בײ מיר] דעם נאָמען „פאַנטאַזיע״, אָנגעהויבן האָט זיך דאָס ליד אַפילו גאַנץ פראָזאַאיש, הגם מיט דער װאונדערלעכער פרוגישער װאוילקלאַנגישקײט״ („עפּיזאָדן פון מײן לעבן״, ב. 1, ז׳ 22).

אַברהם רײזען האָט געהאַלטן אַן אויג אויף ש. פרוגן, געזען זײן אַנטװיקלונג, זײן ענדערונג, װאָס איז געקומען מיט דער צײט. א. רײזען שטעלט זיך אָפּ (אינעם 3טן באַנד פון זײנע זכרונות) אויף די נײע שטימונגען, װאָס האָבן באַהערשט די ײדישע גאַס און די ײדישע ליטעראַטור אין 1905 און ער שרײבט: „...און אַפילו די אַלטע [ליטעראַרישע] קרעפטן זײנען װי באַנײט געװאָרן. ש. פרוג, װאָס האָט פון צײט צו צײט פאַרעפנטלעכט אין „פרײנד״ זײנע נאַציאָנאַלע און אַפילו האַלב־ציוניסטישע לידער, האָט אין יענע טעג פון ערב רעװאָלוציע, און שפּעטער שוין אין די טעג פון דער רוסישער רעװאָלוציע, אָנגעהויבן זינגען גאָר אויף אַ נײעם טאָן: ניט נאָר װעגן ײדישער באַפרײאונג אויף די בערג פון ציון, נאָר װעגן דער באַפרײאונג פון אַלע פעלקער און פון דער מענטשהײט בכלל. אַזוי איז דאָס באַרימטע ליד „די פאָן״, װאָס איז שפּעטער אַרײן אין די בונדישע און אַרבעטער־אַנטאָלאָגיעס — געשריבן געװאָרן פון ש. פרוג אין יענער צײט...״ (ב. 3, ז׳ 60).

וועגן די השפּעות אויף פרוגן און פון פרוגן האָט מען אין דער יידישער קריטיק נישט איין מאָל געשריבן.

דר. יוסף קלויזנער אין זיין קאַפּיטאַלער העברייאישער „היסטוריה של הספרות העברית החדשה" ווייזט, אַז ש. פרוג האָט זיין פּאָעמע (אין רוסיש) „דריי ביכער" פאַרפאַסט לויט מיכ"לס (מיכה יוסף לעבענזאָן, 1828 — 1852) „שלמה וקהלת" (ב. 3, 268).

דער ליטעראַטור־פאָרשער מ. ווינער („צו דער געשיכטע פון דער ייד. ליטעראַטור אין 19טן י"ה") אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן מענדעלע און זיין נוסח ברענגט בעל־מחשבותעס מיינונג, אַז מענדעלע האָט מגייר געווען די נאַטור און אַז „מ. ראָזענפעלד, טייכוויז פרוג... שטייען אין דער נאַטור־שילדערונג אונטער דעם איינפלוס פון מענדעלעס שפּראַך"... און ער זאָגט: „מעגלעך, אַז די דאָזיקע עלעמענטן האָבן געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף פרוגס פּאָעזיע"... (ניו־יאָרק, 1946, ב. 2, ז"ז 170־171).

מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן, אַז יעקב פיכמאַן, נאָענטער פריינט און פאָרשער פון ח. נ. ביאַליק, באַשטעטיקט די השפּעה פון ש. פרוג אויף ביאַליקן. אויך י. קלויזנער, ווי פיכמאַן, רעדט וועגן פרוגס איינפלוס אויף ח. נ. ביאַליק.

דר. יוסף קלויזנער וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָר אַרום ש. פרוגן אין אָדעס, האָט אין פאַרשיידענע צייטן געשריבן אַרטיקלען און געהאַלטן רעפעראַטן וועגן אים. ש. פרוגס פולע אויסגאַבע פון זיינע לידער האָט אַ פאָררעדע פון דר. י. קלויזנער (אָדעס 1916). אין זיין העברייאישן בוך „משני עולמות" (פון צוויי וועלטן — ליטעראַרישע עסייען, ירושלים תש"ד, 1944) איז פאַרעפנטלעכט זיינס אַן אַרטיקל איבער ש. פרוג, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן פריער.

דער אַרטיקל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיט 30 יאָר צוריק איז נישט געווען נאָך אַ דיכטער, וואָס איז געווען אַזוי באַרימט און פאַרערט צווישן די רוסישע יידן ווי שמעון פרוג. איצט איז ער פאַרגעסן געוואָרן. ס'איז געקומען דעריבער די צייט צו מאַכן אַ קורצן סך־הכל: וואָס האָט פרוג אויפגעטאָן? וואָס פאַר אַ גייסטיקע ירושה האָט ער איבערגעלאָזט דער יידישער ליטעראַטור און דאָס מיינט — דעם יידישן פאָלק?" דר. י. קלויזנער ענטפערט: „אויב לויטן תוך, לויטן אינהאַלט פון די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין דער ערשטער תקופה, שטייט פרוג צווישן י. ל. גאָרדאָן און ח. נ. ביאַליק און ער האָט אַדורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר דער נייער העברייאישער דיכטונג, איז אָבער מיט דער פאָרם און אויסדרוק פון זיינע לידער גייט ער זיין אייגענעם וועג. עס איז נישטאָ אין זיי די שאַרפע פאַרביטערטקייט פון די גאָרדאָן־שירים און נישט דער געהויבענער פּאַטאָס פון ביאַליקס שירה. אַ דריקנדיקער טרויער איז אויסגעגאָסן אויף זיינע שירים־קינות און אַ שטומער צער, און נאָך די אַלע רייד, וואָס זיי פאַרמאָגן, איז דאָך פאַרבליבן עפּעס נישט דערזאָגט... אין די לעגענדע־לידער האָט פרוג אַדורכגעשלאָגן אַ נייעם וועג. אויב אין היסטאָרישע פּאָעמעס זיינען געווען פאַר אים מיכ"ל (מ. י. לעבענזאָן) און י. ל. גאָרדאָן, איז ער אָבער געווען דער ערשטער — און דערווייל אויך דער

לעצטער, — וועלכער האָט ניט אַדורכגעלאָזט קיין שום נייע אגדה פון ביבל, תלמוד און מדרש, וואָס ער האָט נישט באַקרוינט מיט אַ דיכטערישער קרוין״... (ז״ז 119־128).

ווען מ׳האָט אין 1910 געפייערט ש. פרוגס 30־יאָריקן ליטעראַרישן יובל, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן לכבוד אים פיל אַרטיקלען אין דער פרעסע. אין יענער צייט האָט אויך זרובבל געשריבן וועגן ש. פרוגן. ער זאָגט: „ווער פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט נישט געלייענט פרוגן? ניין, בעסער, ווער האָט זיך נישט דערצויגן אויף פרוגס שירים? אַ גאַנצער דור האָט געפונען אַן אויסדרוק פאַר זיינע געדאַנקען אין פרוגס לידער. פרוג איז באמת געווען דער שליח־ציבור פון דעם אויפוואַכנדיקן נאַציאָנאַלן יידישן געדאַנק. קיינער, ווי ער, האָט אים אַזוי געניוי און גוט נישט פאָרמולירט, קיינער האָט אים אַזוי קינסטלעריש נישט אויסקריסטאַליזירט״ („בלעטער פון אַ לעבן״, תל־אביב 1956, ב. 2, ז׳ 361)... אָבער ש. פרוג האָט פריער זיך איינגעוואָרצלט אין דער רוסיש־יידישער וועלט און געדיכטעט אין רוסיש. נאָך די פאָגראָמען האָט ער גענומען שרייבן אויך יידישע לידער. „פרוג האָט שוין געלעבט אין אַן אַנדער סביבה, ער האָט זיך געשפייזט מיט אַן אַנדער גייסטיקער שפייז; דאָס יידישע לעבן, דאָס איצטיקע, איז אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט״, און זיינע לידער אין יידיש האָבן נישט פאַרמאָגט יענע קראַפט ווי אין רוסיש... און פרוג גופא האָט דערפילט, אַז דאָס יידישע פאָלק, די פאָלקס־מאַסן האָבן נישט אויפגענומען זיינע „הימל־ניגונים״, זיי האָבן נישט דערגרייכט צו זייער אויער. „דרייסיק יאָר לעבן, חלומות, שאַפונג אָפּגעגעבן, און בלייבן פרעמד, פרעמד — אַזאַ טראַגיזם איז מעגלעך נאָר ביי אונדז״ (ז׳ 366).

5.

פאַרשיידענע יידישע און העברייאישע שרייבער, ווי מיר זעען, האָבן אויפגענומען די שמעון פרוג־געשטאַלט אויף פאַרשיידענע אופנים. אייניקע נעמען אין באַטראַכט די צייט, ווען ער האָט געשאַפן, די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, די אַרומיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך געלייגט שווער אויף זיין געמיט.

מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז צו 30 יאָר האָט ער גערעדט וועגן מידקייט, וועגן צעבראָכנקייט. דערצו איז פרוג געווען אַ קראַנקער מענטש, געליטן פון חולאתן, אויסגעשטאַנען אָפּעראַציעס, וואָס האָבן שלעכט געווירקט אויף זיין פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד.

און געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען געזונט, פריש, לעבעדיק און לוסטיק.

דער גוטמוטיקער און באַהאַרצטער מרדכי ספעקטאָר מאָלט אַזוי ש. פרוגן אין זיינע „מאָמענט פאָטאָגראַפיעס״, געשריבן וועגן זיינע „זיבן גוטע יאָר״ (דערשינען אַרום 1911 אין וואַרשע). „אַלץ — זאָגט מ. ספעקטאָר — איז אין אים שיין און געפוצט. אַלץ איז אין אים פּאָעזיע, אומעטום וועט איר אין אים געפינען דעם פּאָעט: אין זיין שרייבן, אין זיין כתב, אין זיין רעדן, אין זיין אַרט לעבן, אין זיינע באַוועגונגען, אַפילו אין זיין וואוינונג, וועט איר געפינען — אַ שיין, איידל, צאַרט וועזן מיט שיינע אַריסטאָקראַטישע מאַנירן״.

מ. ספעקטאָר דערציילט: „פאַר די פיל יאָרן זינט איך קען פרוגן איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען פון וועמען עס איז צו הערן וועגן פרוגן אַ שלעכט־וואָרט, — נאָר אַכטונג און ליבע צו אים אַ סך".

און אָט ווי פרוג זעט אויס אין ספעקטאָרס אויגן: „הויך געוואַקסן און גלייך ווי אַ סטרונע, קוקט ער אויף אייך מיט זיינע העלע קלוגע אויגן. און ווען ער הויבט אָן צו רעדן מיט אַ שטילער, נאָר אַ זיסער און דייטלעכער שטימע, באַוויזט זיך אויף זיינע ליפּן אַ זעלטן שיינער ליבער שמייכל, וואָס ציט אייך באַלד צו צו אים, און קיינמאָל וועלן ניט ווערן לאַנגווייליק זיינע רייד..."

און „איבערהויפּט איז פרוג אינטערעסאַנט דאַן, ווען ער צערעדט זיך. עס באַוויזט זיך אויף זיין בלאַס כמעט ווייס פּנים אַ קוים באַמערקנדיקע רויטלעכקייט און דאַן ווייזט זיך אויס, ווי די שכינה רוט אויף זיין פּנים, — די מוזע האָט אים אַרומגעכאַפּט, און דאַן וואָלטן זיך זיינע רייד אויסגעגאָסן אין די שענסטע שירים"...

ווייטער דערציילט מ. ספעקטאָר, אַז „אין די יונגע יאָרן, ווען ער איז געקומען פון די כערסאָנער סטעפּעס קיין פּעטערבורג, האָט זיך אים געשריבן גרינג און ביי אַלע באַדינגונגען, — אין די רעדאַקציעס, ביי זיך אין הויז, צווישן באַקאַנטע, און אומעטום, וואו ער האָט זיך נאָר געפונען, האָט ער געקאָנט נעמען די פעדער און שאַפן"... (ז"ז 45־47).

עס איז פאַרגעקומען ביי פרוגן אַ שטאַרקער איבערבראַך. די קראַנקהייט האָט אים נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק צעבראָכן, און די גייסטיקע אויסגעשעפּטקייט האָט זיכער אויך געווירקט אויף זיין געזונט־צושטאַנד.

וועגן ש. פרוג אין דער צייט, ווען ער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין אָדעס, דערציילט ש. ל. ציטראָן (1860 — 1930): „...קורץ פאַר פּסח 1915, זייענדיק עטלעכע טעג אין אָדעס, האָב איך באַזוכט פרוגן. דאָס אויסזען פון דיכטער האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק. דאָס איז ניט געווען יענער יונג־מונטערער, יענער לעבנס־פריידיקער פרוג מיט די פייער־שפּריצנדיקע אויגן, מיט די ענערגישע באַוועגונגען און מיטן סימפּאַטישן זיסן שמייכל אויף די ליפּן מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט מיט אַ יאָר צען צוריק אין פּעטערבורג. דאָס מאָל איז געשטאַנען פאַר מיר אַ מענטש געל ווי וואַקס מיט אַן איינגעפאַלענעם פּנים און מיט אַ מידן, כמעט אויסגעלאָשענעם בליק און גאַנץ הילפלאָז אין זיין באַוועגונג. מיט אַ יאָר דריי צוריק איז דער פּאָעט איבערגעקומען זייער אַ געפערלעכע מאָגן־אָפּעראַציע און פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו ליידן און איז נישט געקומען צו זיך. דאָס האָט אים כמעט אָפּגעריסן פון זיין ליטעראַרישער טעטי־קייט". („דריי ליט. דורות", ב. 3, ז"ז 27־32).

6.

אַ זייער וויכטיקע פראַגע: צי איז שמעון פרוג געווען אין אונדזער שאַפונגס־גאַנג, אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע אַן איינצלנע, פאַראיינצלטע דערשיינונג, אָדער ער איז געווען אַ רינג, אַ וויכטיקער רינג אין אונדזער גאָלדענער שאַפונגס־קייט?

וועגן דעם זיינען דאָ שאַרפע חילוקי־דעות אין אונדזער קריטיק, ווידער־שפּרעכנדיקע מיינונגען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיי אין אונדזער אָפּ־האַנדלונג אונטערן נאָמען „שמעון פרוג אין ליכט פון אונדזער יידישער קריטיק" (זי גייט אַריין אינעם „איקוף־אַלמאַנאַך", וואָס דערשיינט אינגיכן).

קודם כל טאָר מען נישט צוגיין צו אַ שרייבער פון יאָרן צוריק, פון אַן אַנדער תקופה דורכאויס מיט היינטצייטיקע מאָס און וואָג, מען קאָן נישט באַהאַנדלען אים אויף וויפל ער רעדט איצט צו אונדז, צו אונדזער געמיט און געשמאַק. מיר דאַרפן אים באַטראַכטן אין רעטראָספּעקט — וואָס איז ער געווען, וואָס האָט ער אויפגעטאָן אין זיין צייט. „באשר הוא שם" — איז דאָ אַן אויסדרוק אין העברעייאיש — דאָס מיינט — אויפנעמען אים אויף זיין אָרט, זען דעם הינטערגרונט, נעמען אין אַכט און אין באַטראַכט די אומשטענדן, די באַדינגונגען, אין וועלכע דער קינסטלער איז געוואַקסן און האָט געשעפּט זיין יניקה.

לאָמיר ברענגען די אַרויסזאָגונגען פון נאָך אייניקע שרייבער וועגן ש. פרוגן.

אָט וואָס עס זאָגט דר. א. קאַראַלניק (אין זיין „בוך פון וואַרצלען", וואַרשע).

ער באַטאָנט, אַז ביי די פאַרשיידענע יידן פּאָעטן, וואָס „האָבן געשריבן אויף אַנדערע שפּראַכן זיינען געווען וויניציק, וואָס זיינען געבליבן אי אמתע יידן, אי אמתע פּאָעטן... ביי זיי אַלע איז דער יידישער טאָן געווען אַ „נעבן־מאָטיוו" און פרוג „האָט אים געמאַכט פאַר אַ הויפּט־מאָטיוו".

און ער שרייבט ווייטער: „פון נאַטור אויס האָט פרוג געהאַט אַ גרינגע פּען, אַ לייכטע, מוזיקאַלישע שפּראַך, נישט קיין טיפע מוזיק, נאָר אַ פאָלקס־מוזיק, די מוזיק פון די קליינרוסישע באַנדורעס, פון די יידישע פאָלקס־לידער, און אַ לייכטן גראַם; [ער איז] געווען באַשאַפן צו זינגען גראַציעזע, לייכטע לידער, אַ ביסל מעלאַנכאָליש, אין נאַדסאָן־טאָן פון „בעדני סטראַדאַיושטשי בראַט" *), מיט אַ טענדענץ צו „בירגער־פּאָעזיע" אויף דעם נעקראַסאָוו **) שניט... אָבער דער פּאָ־גראָם פון 1881 האָט אים „פריטשמעליעט" אויף דעם גאַנצן לעבן. עס איז געווען נאַטירלעך, — דער פאָלקס־שמערץ האָט אים פאַרכאַפּט — ער האָט געשטימט זיין פידל אויף דעם טאָן פון פאָלקס־שמערץ און נישט מער געקענט באַפרייען זיך פון אים" (ז' 82).

דר. קאַראַלניק איז נישט גערעכט: מיר קענען אים אויך ווי אַ פריילעכן, לוסטיקן, טיף־לירישן און אָפט — אויך סאָציאַלן און סאַטיריש־סאַרקאַסטישן דיכטער.

און ווייטער זאָגט דר. קאַראַלניק, אַז „פרוג האָט אָפט אַליין געפילט, תמיד געפילט, ער ווינט צו־פיל, אַז ער איז אָרעמער ווי דאָס יידישע לעבן, אַז ער האָט נאָר איין טאָן, איין סטרונע אויף זיין פידל און קיין נייעס האָט ער נישט געקאָנט באַקומען". און ווייטער: „... עס איז גרינגער צו פאַרשטיין און „באַזינגען" דעם

---

*) ס. נאַדסאָן — (1862 — 1887) רוסישער דיכטער פון יידישן אָפּשטאַם, — מיין אָרעמער, ליידנדיקער ברודער.

**) נ. נעקראַסאָוו (1821 — 1877) — באַרימטער רוסישער פאָלקס־רעוואָלוציאָנערער דיכטער.

פאָלקס־שמערץ, ווי דעם שמערץ פון דעם איינצלנעם מענטשן. עס איז די „ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד״... אויף איר איז געגאַנגען ש. פרוג״ (ז׳ 80). ווייסן מיר אָבער, אַז פרוג, ווי אַ ליריקער, האָט באַזונגען אויך אייגענעם שמערץ און אייגענע געבראָכנקייט און מידקייט. מען וואָלט געקאָנט ברענגען פיל שורות פון זיינע טיף־סוביעקטיווע לידער ווי ער באַקלאָגט זיין אייגענעם גורל.

און לסוף זאָגט דר. א. קאַראַלניק: „צי זיינען מיר אַרויסגעוואַקסן פון דעם סענטימענטאַליטעט־פעריאָד — מיר האָבן דאָך אַמאָל אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אים, — צי איז דאָס יידישע לעבן געוואָרן רייכער און טיפער, — יעדנפאַלס, פרוג איז שוין הייַנט נאָר אַ היסטאָרישע דעראינערונג. אַ קאַפּיטל פון דער רוסיש־יידישער געשיכטע, אַן עכאָ — איבערגעטריבן, פאַרשטאַרקט, פון דער שטימונג פונעם רוסישן יידנטום. דער זיפץ פון אַ דור...״ (ז׳ 84).

אַ נעגאַטיווע באַציאונג האָט געהערשט מיט אַ 50 יאָר צוריק אויך צווישן די יונגע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן פאַרזען דאָס נייע און אָריגינעלע, וואָס פרוג האָט געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור. פרץ הירשביין דערציילט אין זיין „גאַנג פון לעבן״ (ניו־יאָרק, 1948) ווי די יונגע האָבן אויפגענומען פאַרשיי־דענע שרייבער. ער דערמאָנט מענדעלען, שלום־עליכמען, שלום אַשן, ה. ד. נאָמ־בערגן, י. ל. פרצן, ח. נ. ביאַליקן, און אָט וואָס ער זאָגט וועגן ש. פרוגן: „...דער גרויסער יידיש־רוסישער משורר האָט באַוויליקט זיך אַראָפּצולאָזן צו מאַמע־יידיש מיט זיינע לידער־פעליעטאָנען. מיט זיך טייבעלעך מיטגעבראַכט און פאַ־פירענע בריקן. אַראָפּגעקומען פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור און גע־בראַכט מיט זיך בדחנישן נוסח, מיט אַ געמיש פון בטלנות. ביי אונדז האָט עס דעמאָלט געהייסן: הומאָר און סאַטירע...״ (ז׳ 54).

ס׳איז איבעריק צו דערווייזן, אַז ס׳איז אַן אומרעכט צו ריידן אַזוי וועגן פרוגס וויכטיקע דיכטערישע אויפטוען און פון זיינע געבענטשטע השפעות אויף דעם יידישן שאַפן.

גאַנץ אַנדערש נעמען אויף פרוגן, די, וואָס האָבן אים פערזענלעך געקענט און וואָס האָבן מיטגעמאַכט מיט אים געמיינזאַמע איבערלעבענישן.

ש. דובנאָוו (1860 — 1941), וועלכער האָט פרוגן געווידמעט אין זיין יידיש בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש״ אַ האַרציקע כאַראַקטעריסטיק (מיר האָבן ציטירט פון דאָרט אין אונדזער דערמאָנטער פרוג־אָפּהאַנדלונג), ברענגט אין זיין רוסיש בוך „קניגאַ זשיזני״ (בוך פון לעבן) אַן אויסצוג פון זיין טאָגבוך, אין בערלין, פונעם 1טן יוני 1926: „אַ מאָדנער טאָג געווען נעכטן: אַ טאָג פון דערמאָנונגען. אינדערפרי האָב איך גענומען איבערקוקן מאַטעריאַלן וועגן פרוגן צוליב דעם אָוונט אין אָנדענק פונעם פּאָעט אינעם קלוב פונעם פאַרבאַנד פון רוסישע יידן. איך בין אינגאַנצן פאַרכאַפּט מיט די דעראינערונגען. איך האָב איבערגעחזרט די טרויעריקע פרוג־לידער. אויף דער נאַכט האָב איך אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג געלייענט אויסצוגן פון די זכרונות, וואָס איך האָב איבערגעגעבן מיט צען יאָר צוריק [אין 1916] אין דער היסטאָרישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג נאָכן טויט פון פרוגן, און צוגעגעבן עפּעס צו זיין כאַראַקטעריסטיק ווי דעם דיכטער פון צאָרן און צער. דערנאָך גע־

לייענט אייכנוואַלדן *) (אַ קינסטלערישע אָפּשאַצונג פון פרוגן), מ'האָט דעקלאַמירט און געזונגען זיינע לידער אויף דריי שפּראַכן..." (ז' 70).

און מיט 6 וואָכן שפּעטער, דעם 14טן יולי 1916, פאַרצייכנט ש. דובנאָוו אין זיין טאָגבוך: „נעכטן געלייענט אין אַ צייטונג אַ ידיעה וועגן טויט פון וואַ־לינסקי־פלעקסער אין פעטערבורג. עס זיינען אויפגעשוואומען זכרונות פון ווייטע יאָרן. באַגעגענישן מיטן יונגן „שפּינאָזיסט" ביי פרוגן, אין אונדזער געמיינזאַמער וואוינונג אין די יאָרן 1883־1884..." (ז' 70).

און נאָך אַ פאַרצייכענונג פון ש. דובנאָוון אין טאָגבוך פון 6טן נאָוועמבער 1828: „...נעכטן און אייערנעכטן אַדורכגעקוקט מיינע דערינערונגען וועגן פרוגן, צוגעשריבן צו זיי אַ צוגאָב־קאַפּיטל וועגן פרוגס לידער אויף יידיש פאַר דעם ביכל, וואָס דערשיינט אין וואַרשע, „פון זשאַרגאָן צו יידיש". דאָס האַרץ האָט געקלעמטביים שרייבן..." (ז' 85).

אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן ש. דובנאָוו און ש. פרוגן (די צוויי שמעונס, וואָס זיינען געבוירן אין איין יאָר, אין 1860), ווערן דערציילט אין ש. דובנאָווס דערמאָנטע זכרונות־ביכער און אין סאָפיאַ דובנאָווס ביאָגראַפיע־בוך וועגן איר פאָטער. מערקווירדיק, ווי דער היסטאָריקער און דער דיכטער האָבן פאַרשיידן אויפגענומען, רעאַגירט, און וואָס פאַר אַן אויספירן יעדער איינער האָט געמאַכט פון די געשעענישן אין זייער צייט...

7.

פעטערבורג און אָדעס — דאָס זיינען פאַר שמעון פרוג געווען צוויי גאַנץ־באַזונדערע וועלטן. אין פעטערבורג איז ער געווען מער רוסישער פּאָעט, און אין אָדעס — מער יידישער דיכטער. די סביבה האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פרוגס לעבן. ער איז אפשר אַוועק פון פעטערבורג נישט נאָר צוליב זיין פיזישן צושטאַנד, נאָר אויך צוליב זיין גייסטיקן מצב. עס האָט אים געצויגן קיין אָדעס נישט נאָר די דרומדיקע זון נאָר אויך די יידישע אַטמאָספער.

עס שרייבט שלום עליכם אַ לענגערן בריוו פון פעטערבורג דעם 19טן סעפּ־טעמבער 1904 צו י. ח. ראַבניצקין וועגן פאַרשיידענע באַגעגענישן און ער טוט אַ זאָג: „... געווען ביי פרוגן. כמעט נישט דערקענט אים, אַ גוי, אַ גוי גמור מיט אַ גויע" *) (ש"ע־בוך, ז' 203). אין אָדעס איז פרוג געווען אויסגעקאָכט מיט דער גרופּע אָדעסער שרייבער: מענדעלע, דובנאָוו, אחד־העם, י. ח. ראַבניצקי, ח. נ. ביאַליק, א. אַנד. ער טרעט אָפּט אויף מיט זיי אינאיינעם אויף פאַרזאַמלונגען, אויף פייערונגען.

אין 1910 איז פרוג אויפגעטראָטן אויפן באַנקעט, איינגעאָרדנט אין אָדעס לכבוד מענדעלע מו"ס, צו זיין 75טן געבוירנטאָג. ש. פרוג האָט געהאַלטן אַ האַרציקע

*) י. אייכנוואַלד (1872 — 1931) — רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער, זון פון אָדעסער רב, געווען געשמדט. פון 1922 געלעבט אין בערלין.

*) גוי גמור [גאָמור] — אַן אמתער גוי. ש. פרוגס פרוי איז געווען אַ קריסטין.

רעדע־באַגריסונג אין נאָמען פון דער אָדעסער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. דער זיידע איז געווען שטאַרק גערירט פון דער רעדע, וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן.

אָט איז דער טעקסט פון דער רעדע:

„ר׳ שלום יעקב!

אין דעם טאָג, וועלכער איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, אַ גרויסער און אַ ליבער יום־טוב פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, זיינען מיר געקומען אינעם נאָמען פון דער אָדעסער ליטעראַרישער געזעלשאַפט מיט פרייד און מיט ליבע אייך מזל־טוב זאָגן. געקומען זיינען מיר ניט נאָר אייך כבוד אָנטאָן, נאָר טיף און הייס באַדאַנקען אייך פאַר דעם כבוד, וואָס איר האָט אונדז אָנגעטאָן. טייערער קינסטלער, ליבהאַרציקער פאָלקס־פּאָעט אונדזערער, קינסטלער, דיכטער, — ניין! דער גרעסטער בעל־מופת, דער זעלטענער מכשף זייט איר ביי אונדז געווען. דורך דעם פאַרכישופטן, פאַררוישטן יידישן וואַלד האָט איר דער ערשטער אַ שטעגעלע דורכגעטראָטן, און פונעם שטעגעלע איז אַ גרויסער און ברייטער שליאַך געוואָרן. אין שטאָק־פינצטערע נעכט זייט איר איבער די גלופּסקער בלאָטעס, איבער די קאַבצאַנסקער סמעטניקעס מיט אַ לאַמטערנדל אין דער האַנט אַרומגעקראָכן. יידישע שמאַטעס און טראַנטעס געקליבן, און פון די שמאַטעס האָט איר די איידלסטע זייד און סאַמעט געוועבט, פאַרבאָרגענע יידישע טרערן אין העלע דימענטן און פערל פאַרוואַנדלט, און באַלוינט האָט אייך דאָס יידישע פאָלק מיט אַלץ, וואָס עס פאַרמאָגט: דער יידישער טומל, דער יידישער אימפּעט, דער עגמת־נפש, די צרות, נויט, פרייד און אימת־מות גייען און גייען פון אַלע זייטן, רינגלען אייך אַרום, בלעטערן, מישן, קערן הין און צוריק די גאָלדענע קאַפּיטלען פון אייערע מיט בלוט און מיט גאַל געשריבענע מעשיות, און אַ שטראָם פון טרייסט און האָפענונג באַפרישט און באַנייט די אויסגעקרענקטע צעבראָכענע יידישע נשמה. מאריך ימים זאָלט איר זיין, ליכטיקער וואונדער־מענטש! גאַנצע דורות מענטשן גאַרן נאָך אייער זיס, וואַרעם יידיש וואָרט, נאָך אייער טיפן יידישן זיפץ, נאָך אייער שטילן ליכטיקן שמייכל. מאריך ימים זאָלט איר זיין, זיידעניו״...

אין די כאַראַקטער־שטריכן וואָס פרוג מאָלט דאָס זיידע־בילד, זעען מיר אויך די אויטאָפּאָרטרעטישע, אויטאָכאַראַקטעריסטישע שטריכן פון פרוגן דעם דיכטער. האָט ער דאָך, ווי ער האָט נישט איין מאָל געזאָגט אין זיינע לידער, „פון שמאַטעס די איידלסטע זייד און סאַמעט געוועבט״ און „יידישע טרערן אין העלע דימענטן פאַרוואַנדלט״.

די רעדע האָט פרוג געהאַלטן זונטיק דעם 26טן דעצעמבער 1910 אויף דער פייערונג ביי מענדעלען אין הויז (אין אַן עפנטלעכן לאָקאַל האָט די מאַכט נישט דערלויבט). מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען דער באַנקעט. עס האָבן גערעדט ח. נ. ביאַליק און אַנדערע און „ש. פרוג האָט באַמערקט, אַז אויס־ערנדיק די אַלע שבחים אויפן „זיידן״, קומט אויס, אַז מענדעלען איז זיין אַרבעט גאָר ניט אַזוי שווער אָנגעקומען. ער האָט די פען אין האַנט גענומען און האָט אייך בוך נאָך דעם אַנדערן געשריבן, אַ שטייגער, ווי דער בורא האָט די וועלט באַשאַפן. ער האָט געזאָגט „יהי אור״ (ליכטיק זאָל ווערן) און ליכטיק איז געוואָרן. זיינג פיי־

געלע, שפּראָץ גרעזעלע, און דאָס פייגעלע האָט געזונגען, און דאָס גרעזעלע האָט אויפגעשפּראָצט... מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז דעם זיידן איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען זיין וועלט צו באַשאַפן. ניט איין וועלט האָט ער חרוב געמאַכט, ביז ער האָט זיך אויף דער וועלט אָפּגעשטעלט. אָן אמתער שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור איז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. פון אַ תוהו ובוהו האָט ער אַ שפּראַך געבילדעט, אין אַ קאַלטן שפּראַך־קערפּער האָט ער אַ לעבעדיקע נשמה אַריינגעבלאָזן. ער האָט דער ערשטער אין דעם יידישן וואַלד אַ שטעג אויסגעטראָטן און ניט געלאָזט, אַז דער שטעג זאָל פאַרוואַקסן... מענדעלע איז אין „בויד" אַרומגעפאָרן פון איין שטעטל אין צווייטן און האָט סלופּעס געשטעלט מיט וויאָרסטן, כדי זיינע אייניקלעך זאָלן, חלילה, אין וועג ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן..." (זע נחמן מייזיל „דאָס מענדעלע בוך", ז"ז 488, 490).

אויך אין די באַמערקונגען הערן מיר טענער פון ש. פרוג, וואָס מען קאָן אָנווענדן אויך אויף זיין אייגענעם געזאַנג.

8.

אין אונדזער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג „ש. פרוג אין ליכט פון דער יידישער קריטיק" האָבן מיר געבראַכט אויסצוגן פון בעל־מחשבותס אַן אַרטיקל וועגן ש. פרוגן. אין זיין ביכל „דאָס דרום־יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין 19טן י"ה" (אַ היסטאָריש־קריטישע שטודיע — בערלין, 1922) שטעלט זיך אָפּ בעל־מחשבות אויף דעם אָרט, וואָס ש. פרוג האָט פאַרנומען אין דער יידישער פּאָעזיע: „ביזן סוף פון די 80־ער יאָרן און נאָך שפּעטער בליט שטאַרק (אין דעם יידישן פּאָעזיע־גאָרטן) דער בדחנישער שטייגער. מיכל גאָרדאָן, פּ. זאַמאָשטשין, א. גאָלד־פאַדען, אליקום צונזער זיינען די גדולים, וועמען מען דרוקט מיט התמדה, מיט וועמען מען צוקערט זיך און וועמען מען ציטירט. אָבער שוין צום סוף פון די 80־ער יאָרן דרינגט אַריין ש. פרוג... און אין אַ קורצער צייט פאַרטונקלט ער אַלע דע־מאָלטדיקע גדולים".

און בעל־מחשבות זאָגט: „מיט פרוגן הייבט זיך אָן דער ערשטער עטאַפּ פון אַן אמתער פּאָעטישער ליריק. דאָס ליד באַקומט אַ פאָרם, אַן עכט־אייראָפּעאישע פאָרם, ניט נאָר אין דעם משקל, נאָר אויך בנוגע דער מוזיקאַלישקייט, ווי בנוגע צו פּאָעטישע פאָרמען בכלל, די פאָרם פון באַלאַדע, פון עפּאָס; פון דער ריינער שטימונגס־ליריק, פון דעם צונויפשמעלצן פון נאַטור־שילדערונגען מיט מענטש־לעכן פילן א. אַז. וו... אויך דער תוך פון דער פּאָעזיע איז אַן אַנדערער, כאָטש ס'רוב איז ער נאָך ניט ווייט אַוועק פון דעם בדחנישן תוך מיט דעם סימבאָל „ישראליק", סיי אַפּאָלאָגעטיש, ווי קריטיש. עס קלעקט נאָר אויסצורעכענען עט־לעכע זאַכן פון ש. פרוגן, כדי דאָס קלאָר צו זען"... (ז' 46).

בעל־מחשבות ברענגט איין ליד פון אליקום צונזער „צוויי קאָנטראַסטן" און אַ צווייטע פון ש. פרוג "פון יידישן זשאַרגאָן", און באַווייזט „דעם געוואַלדיקן מרחק (מערכאָק — ווייטקייט) פון דער פריערדיקער פּאָעזיע מיט דער פרוגישער".

און בעל־מחשבות פירט אויס, אַז „דאָס בינטל פון די פּאָעזיע־בלומען, וואָס

פרוג האָט אָנגעריסן פאַרן יידיש פון זיין גרויסן רוסישן בלומען־פעלד, האָט ניט נאָר געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם בדחנישן שטייגער, נאָר אויך שטאַרק געווירקט, אַז עס זאָלן אויפשטיין נאָך אים אַ סך נייע פּאָעטן, וואָס זיינען אייגנטלעך קיינמאָל ניט אינגאַנצן אַרויס פון פרוגס השפעה, כאָטש אין אַ סך הינזיכטן זיינען זיי אים אַריבערגעוואַקסן... מ. ראָזענפעלד, אברהם רייזען, יהואש און אַנדערע זיינען די, וואָס פירן [ציען] ווייטער דעם פאָדעם פון פרוגס שאַפונגס־ווערק, אַריינברענגענדיק צוגלייך אין דער יידישער ליריק נייע פּערזענלעכע מאָטיוון און אויך אַ נייעם תוך" (ז"ז 48־49). און נאָך: „פרוג מיט זיין שטאַרקן פּאָעטישן טאַלאַנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דער רוסישער פּאָעזיע פון דער נעקראַסאָוו־צייט אין בונד מיט דער ביבל־ראָמאַנטיק פון איין זייט און דער היינע־פּאָעזיע פון דער אַנדערער — האָט צוגעפירט די יידישע פּאָעזיע צו נייע דערגרייכונגען אין זין פון פאָרם, תוך און מוזיקאַלישקייט" (ז' 50).

בעל־מחשבות גייט דאַן אַריבער פון פרוגן צו ח. נ. ביאַליק, דעם פּאַרפאַסער פון די יידישע לידער.

פרוג און ביאַליק איז אַ אינטערעסאַנטע טעמע פאַר זיך. מיר האָבן עס שוין באַרירט. מיר ווילן צוגעבן, אַז די לעצטע 7 יאָר פון פרוגס לעבן, ווען ער האָט געוואוינט אין אָדעס, האָט ביאַליק זיך דערנעענטערט צו אים, זיך אָפט געטראָפן מיט אים און אינאיינעם אויפגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען און אָוונטן. ש. פרוג האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש די „יידישע אגדות", וואָס ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַבניצקי האָבן צונויפגעזאַמלט.

עס ווערט דערציילט וועגן דעם יונגן ח. נ. ביאַליק פון דער צייט, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין ליד „אל הציפור". זיינער אַ פאַרערער, איינער אַ משכיל, האָט פירגעהאַלטן ביאַליקן, הלמאי ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר און גיט זיך נישט אָפּ אינגאַנצן מיט ליטעראַטור, מיט פּאָעזיע. דערויף האָט אים ח. נ. ביאַליק געענטפערט, אַז ער זעט נישט קיין אויסזיכט צו קאָנען לעבן פון דער ליטעראַטור. „איך פאַרמאָג אַ קליינעם טאַלאַנט. שרייבן אָפט קאָן איך נישט און קיין פרוג וועל איך זיכער קיין מאָל נישט זיין!"

פרוגס פריינט, דער רוסיש־יידישער דיכטער ל. יפה שרייבט אין זיין לענגערן אינטערעסאַנטן אַרטיקל באַלד נאָך פרוגס טויט („יעווריעיסקאַיאַ זשיזן", פּעטער־בורג דעם 18טן סעפּטעמבער 1916 נומ' 38, 39־40), אַז „נישט געקוקט דערויף, וואָס פרוג האָט לכתחילה געשריבן רוסיש, האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע און נאָך נישט אָפּגעשאַצטע ווירקונג אויף דער יידישער און העברייאישער פּאָעזיע. ס'איז קיין צופאַל נישט, וואָס דאָס ערשטע בוך, וואָס ביאַליק האָט געלייענט אין רוסיש, איז געווען אַ זאַמלונג לידער פון פרוג. „פאַר מיר — האָט ביאַליק געזאָגט — האָט פרוג געשריבן נישט אויף רוסיש. לייענענדיק זיינע רוסישע לידער, האָב איך אין יעדן וואָרט געפילט די שפּראַך פון אונדזערע אָבות, די שפּראַך פון תנך"...

ביאַליק האָט באַזוכט פרוגן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער האָט וועגן זיינעם אַ באַזוך איבערגעגעבן, אַז „פרייטיק האָט ער מיך נאָך דערקענט. די לעצטע טעג האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן דאָס וואָרט „פּאַלעסטינאַ"...

און ביאַליק האָט געזאָגט: „פון זיינע יונגע יאָרן האָט ער באַזונגען דעם טרויער פונעם יידישן פאָלק, און מיט אָט דעם טרויער איז ער אַוועק אין אַ בעסערער וועלט"...

.9

נאָך אַ זייער שווערן לעבן און נאָך אַ שווערער קראַנקייט, וואָס האָט געהאַלטן פרוגן צוגעשמידט אַ לאַנגע צייט צום בעט, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם דעם 9טן סעפּטעמבער 1916 (אַלטער רוסישער סטיל). זיין טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין אָדעס, אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

לייב יפה, זיין נאָענטער פריינט, האָט געשריבן באַלד נאָך זיין טויט אינעם דערמאָנטן הספד־אַרטיקל: „מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז קראַנק, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, מיר האָבן געדענקט וועגן אונדזער נישט־באַצאָלטן חוב צו אים. מיר האָבן געהאָפט, אַז כאָטש טיילוויז וועלן מיר אפשר קאָנען אָפּצאָלן דעם דאָזיקן חוב דעם דיכטער אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן מיט אונדזער הייסער ליבע און פאַרשפּעטיקטער אויפמערקזאַמקייט. און איצט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, וועלכן ס'איז שווער אויסצודריקן און מיט פאַרנעפּלטע אויגן פון טרויער שטייען מיר ביי זיין קבר... עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס שווערע לעבן, וואָס איז געווען איבער־געפילט מיט טראַגעדיע, וועלכע פרעמדע און ווייטע האָבן נישט באַמערקט, עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגע־פאַלן צו ווערן דער זינגער פון פאָלק"...

און לייב יפה זאָגט ווייטער: „געבן אַן איבערבליק איבער דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון פרוגן, מיינט צו רעדן וועגן די לעצטע דריי מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר פון דער יידישער געשיכטע, מיינט פאַנאַנדערצואוויקלען די מגילה פון אָט דער צייט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט צו זיך מיט אירע נסיונות און איבערלעבענישן. פרוג האָט געבראַכט צום אויסדרוק די־אָ צייט דורך זיינע לידער, ער האָט איבער־געלאָזט אַ דענקמאָל פון דעם טרויער און פון די טרוימען פון די לעצטע דורות... — פרוג איז געווען איינער פון דעם נייעם שטאָלצן דור, און אַן אָפּפרישנדער טוי פאַר דעם דור איז געווען זיין ליד... ער האָט געוועקט צום לעבן און צו אויפלע־בונג... אַ באַהאַלטענער אין זיך, האָט פרוג קיינמאָל זיך נישט געקלאָגט. האָט ער אַמאָל גערעדט מיט זיינע נאָענטע וועגן דעם אייגענעם לעבן, איז עס געווען מיט אַ קלוגן שמייכל און מיט אַ פאַרגיבנדיקן הומאָר... — די לעצטע זיבן יאָר אין אָדעס האָט ער געלעבט אין נויט און אין דחקות, כמעט די גאַנצע צייט איז ער געווען שווער קראַנק. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט זיך געפילט נויט אין זיין הויז, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים איינגעאָרדנט אַ פּרעכטיקע רייכע לוויה"...

אַ הונדערט טויזנט מענטשן פון אַלע ריכטונגען און שיכטן האָבן באַגלייט דעם דיכטער צו זיין אייביקער רו.

דער טויט פון שמעון פרוג, וועלכער איז געקומען באַלד נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם און אין די סאַמע שווערע טעג פון דער [ערשטער] וועלט־מלחמה,

איז אויפגענומען געוואָרן מיט טיפן צער, ווייטיק און טרויער. מיר האָבן איצט געבלעטערט די יידיש־רוסישע זשורנאַלן „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" און „יעווריעיסקאַיאַ ניעדיעליאַ", וואָס זיינען דאַן דערשינען (האַרבסט 1916) אין פּעטערבורג אונטער דער שווערער צענזור פון דער מיליטערישער מאַכט. מיר האָבן געלייענט די אַלע טרויער־טעלעגראַמעס, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, קאָמיטעטן, טוער און שרייבער, און געזען, ווי שמעון פרוג איז געווען געערט און באַליבט ביים יידישן עולם.

ווען מען רעדט וועגן ש. פרוג, וועלכער האָט מיטאַמאָל צוגעצויגן ביים אָנהייב פון זיין שרייבן רוסישע לידער די אויפמערקזאַמקייט און פאַראינטערעסירונג פון אָנגעזעענע רוסישע קריטיקער, דערמאָנט מען דעם באַוואוסטן רוסישן קריטיקער א. מ. סקאַביטשעווסקי, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם יונגן פרוג, ווי אויך די אָפּרופן פון ק. אַרסעניעוו, ד. מאָרדאָווצעוו פון די יאָרן 1884 — 1886.

לאָמיר ברענגען עטלעכע שורות, וואָס דער באַוואוסטער רוסישער קריטיקער וו. לוואָוו־ראָגאַטשעווסקי האָט געשריבן גלייך נאָך ש. פרוגס טויט („יעווריעיסקאַיאַ ניעדיעליאַ", פּעטערבורג, נומ׳ 38, סעפּטעמבער 1916): „...דער דיכטער האָט אויסגעזונגען צוויי געזאַנגען: אַ ציוניסטישן געזאַנג און אַ רוסישן געזאַנג; ער האָט באַזונגען צוויי טייכן: דעם ביבלישן ירדן און דעם שעווטשענקישן דניעפּער; ער האָט פאַרפאַסט לעגענדעס און באַלאַדעס נאָכדעם, ווי ער האָט געלייענט די נביאים, „אויף די מאָטיוון פון די נביאים", און נאָכן לייענען די ביבל — „אויף ביבלישע טעמעס", ער האָט צאַרט ליב געהאַט די פּאָעזיע פון פּושקין, טיף אַדורכגעפילט די „באַצויבערנדיקע געהיימנישן פון דער אומדערגרייכלעכער שיינקייט" פון ט. ג. שעווטשענקאָ, ער האָט זיך צוגעהערט צו די שטערן־געזאַנגען פון פעט *) און ער האָט גוט געדענקט דעם „פּיין פון צאָרן און טרויער" פון נ. א. נעקראַסאָוו".

ווי טיף און אייגן די רוסישע קריטיקער האָבן געפילט ש. פרוגן.

*
**

פון צייט צו צייט, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווערט דער נאָמען שמעון פרוג דערמאָנט דורך יידישע קריטיקער און עס ווערט אָנגעוויזן זיין אָרט אין דעם יידישן שאַפן.

ש. ניגער (אין אַ רעדע, געהאַלטן אויף דער פּען־קאָנפערענץ, דעם 16טן דעצעמבער 1950, אין ניו־יאָרק), וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין ערשטן האַלב־יאָרהונדערט האָט, ביים אָפּשטעלן זיך אויפן יידישן שאַפן ערב דעם 20טן י"ה, געזאָגט צווישן אַנדערן: „אויף יענער זייט ים האָבן ש. פרוג און ד. פרישמאַן געלייטערט דעם טאָן פונעם יידישן פערז, בעת פרץ האָט ראַפינירטער געמאַכט זיין תוך"... און ווייטער: „שמעון פרוג, דוד פרישמאַן, יהואש האָבן דאַן שוין אַנ־

*) א. א. פעט (1820 — 1892) באַוואוסטער רוסישער דיכטער, מייסטער פון פּייזאַזש, ליריקער.

געהויבן אַריינצוברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור דרויסנדיקע, און י. ל. פרץ אינעווייניקסטע איראַפּעאישקייט" („צוקונפט", יאַנואַר 1957, ז' 16).

ב. ריווקין אין אַן אַרטיקל „יהואש — אַ פּיאָנער און נאָך מער" („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", בוענאָס־איירעס 1959) זאָגט, אַז „יהואש איז גלייכצייטיק אַ פּיאָנער און אַ היינטצייטיקער פּאָעט. אַ פּיאָנער, וואָס צוזאַמען מיט ש. פרוגן און י. ל. פרצן אין דער אַלטער היים און מאָריס ראָזענפעלד און א. ליעסין דאָ, האָט געהאָלפן אַריינפירן און איינבירגערן פּאָעזיע ביי יידן... (ז' 9).

דער דראַמאַטורג און באַלאַדע־מייסטער אַלטער קאַציזנע אין אַ פאָרוואָרט צו זיין בוך „באַלאַדן און גראָטעסקן" (1935) האָט אָנגעוויזן דעם תוך, דעם מקור און מהות פון זיינע פאָלקסטימלעכע באַלאַדן, און ער זאָגט: „...שלום עליכם און פרוג האָבן אויך גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם פאָלקס־מאָטיוו, הגם זיי איז נישט איינגע־פאַלן צו ווערן זיינע טעאָרעטיקער. זייער סטיל איז מיר אָפט נעענטער, און אין מיינע אַרבעטן האָב איך געשטרעבט צו אַ סינטעז פון שלום עליכם־פרוג־פרץ"...

***

פיר און פערציק יאָר זיינען פאַריבער זינט ש. פרוג איז (דעם 22טן סעפּטעמ־בער *) 1916) געשטאָרבן. וואָס פאַר אַ שווערע און גרויזאַמע יאָרן אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט. מיר האָבן געהאַט באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן אין אונדזער פיל־געפּרוואוטן יידישן לעבן און אויך אינעם שווער־געפּרוואוטן יידישן שאַפן. עס איז וויכטיק אין אַ יובל־דאַטע פון אַ גרויסן פיל לײַדנדיקן יידישן דיכטער אויפנעמען אים מיט ליבשאַפט און פאַרערונג, און גע־פינען מאָמענטן און עלעמענטן אין אים, וואָס זיינען אונדז נאָענט און וואָס קאָנען אונדז דערהייבן.

צום 100סטן געבוירנטאָג פון שמעון פרוג לאָמיר אים צוריק אויפלעבן און לאָמיר ווידער שעפּן פון זיינע ריינע קלאָרע דיכטערישע קוואַלן.

*) אין דעם בוך פון ש. פרוג „אויסגעקליבענע שריפטן", בוענאָס-איירעס 1960, אויף זייט 10 איז על פּי טעות אָנגעגעבן אַז „ער איז געשטאָרבן דעם 22טן נאָוועמבער. ס'דאַרף זיין — סעפּטעמבער". לויטן אַלטן רוסישן „סטיל" איז עס געווען דעם 9טן סעפּטעמבער 1916.

ראובן ברײַנין

דער דיכטער פון טרויער און האָפנונג

די ייִדישע פּאָעזיע אין אונדזער מאַמע־לשון האָט זיך איר גאַנץ באַזונדערע וועלט, איר אייגענעם הימל, איר ערד, אירע געזעצן פון שיינקייט.

די ייִדישע פּאָעזיע האָט איר אייגן פֿידעלע, אירע גאַנץ באַזונדערע בלומען, אַפילו אירע אייגענע מלאכים.

אין איר וועלטל איז אַפילו דאָס לאַכן אַ מין וויינען, קלאָגן און קרעכצן; אירע בלומען זיינען אַ ביסל גיפטיק און טויט־בלאַס; איר הימל איז שטענדיק אַ ביסל בלייערדיק־שווער, פאַרכמאַרעט, פאַרוואָלקנט; אירע שטערן — פאַר־שלייערט און כמעט פינצטער, אירע מלאכים — שווערע, אַלטע, אומעטיקע און ערנסטע גייסטער.

די ייִדישע פּאָעזיע האָט באַקומען איר קראַפט און זאַפט, איר טיפן זינען און איר מענטשלעכע צורה ערשט אין אונדזער צייט. אַזעלכע דיכטער ווי מיר האָבן איצט, אין אונדזער מאַמע־לשון, האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט.

און איינער פון אונדזערע גרעסטע און בעסטע פאָלקס־דיכטער איז שמעון שמואל פרוג...

שמעון שמואל פרוג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1860 אין דער ייִדישער קאָלאָניע באָבראָווי־קוט (אין כערסאָנער גובערניע), זיין פאָטער, משה צבי, איז געווען אַ פּראָסטער, ערלעכער, אָרעמער קאָלאָניסט.

דעם פרישן ערד־גערוך, דעם געזונטן פעלד־ריח און די שטאַרקע אָנהענג־לעכקייט, צוגעצויגנקייט צו דער ליבער מוטער־נאַטור, אין וועמעס שויס, ער, דער פּאָעט, האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, — דאָס אַלץ פילן מיר אין פיל פון זיינע לידער.

פרוג איז ביז היינט געבליבן, אין אַ געוויסער מדרגה, אַ פריי קינד פון דער פעלד־ און וואַלד־נאַטור, כאָטש דאָס לעבן, דאָס שווערע לעבן פון אַ ייִדישן דיכטער, האָט אָן אַ צייט צעקנייטשט, צערונצלט זיין דיכטער־שטערן, געבויגן זיינע שולטערן און געבראָכן זיין גאַנצן גוף. פרוג איז יונג און אַלט ווי זיין פאָלק אַליין.

דער קליינער פרוג האָט, ווי אַלע ייִדישע קינדער אין דער קאָלאָניע, געלערנט אין חדר, וועלכן ער האָט דערנאָך אין פאַרשיידענע פון זיינע שירים אַזוי מייס־טערהאַפט געשילדערט.

און אין חדר האָט דער קליינער קאַלאַניסטן-קינד געלערנט תנך *), און דער תנך איז געווען, אויך געבליבן זיין לעבן. פרוג דערציילט אין אַ פּריוואַטן בריוו, אַז די נביאים ישעיה און יחזקאל האָבן אויף אים, נאָך אַלס קינד, געמאַכט זייער אַ שטאַרקן, ניט פאַרגעסלעכן איינדרוק.

אין יאָר 1869 איז פרוג אַלס 9-יאָריקער קינד אָנגעקומען אין דער דאָרף־שולע, וואו ער האָט דריי יאָר געלערנט לעזן און שרייבן רוסיש און דערמיט האָט זיך געענדיקט זיין שול-בילדונג. זיין ווייטערע בילדונג איז ער זיך אַליין שולדיק. ווי די מייסטע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן וואָס געלערנט מער אָדער ווייניקער, האָט ער אַלץ אַליין געלערנט אָן לערער, אָן סיסטעם און פּראָגראַם.

דער חדר מיט זיינע מלמדים האָט אויף פרוגס טאַלענט, אויף זיין גייסט, אויף זיינע לידער און געדאַנקען געמאַכט פיל מער איינדרוק ווי די „דאָרף־שולע" מיט איר לערע און אירע לערער **).

ווען פרוג איז אַלט געוואָרן 16 יאָר האָט ער זיך אַ „לאָז געטאָן" קיין כערסאָן צו זוכן מיטלען צום לעבן. ווי עס שיינט, איז אין עלטערנס הויז ניט געווען צופיל ברויט. וואַרשיינלעך האָט דער יונגער פרוג זיך געלאָזט קיין כערסאָן ניט נאָר ברויט צו זוכן, נאָר אויך בילדונג און אַ תכלית אין לעבן.

דער קאַזיאָנער רב אין כערסאָן האָט אים צוגענומען פאַר אַ שרייבער אין זיין קאַנצעלאַריע. פרוג האָט דאָרט געפירט דאָס מעטריקל-בוך. דער צו־קונפטיקער דיכטער האָט זיך נאָך אין זיין פריער יוגנט, אַלס 14-15 יאָריקער יינגל, באַשעפטיקט מיט קאַנצעלאַריע־ אַרבעטן ביי דעם משגיח פון זיין קאָ־לאָניע.

אין כערסאָן, אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם קאַזיאָנעם רב, האָט זיך פרוג באַגעגנט מיט דעם יידישן לעבן פון אַלע זייטן. ער האָט דאָרט געזען יידישע טרערן, יידישע אָרעמקייט און ביטערקייט. דאָרט איז אים באַקאַנט געוואָרן פיל פון יידיש-שטאָטישן פאַמיליען-לעבן, די גוטע און שלעכטע זייטן.

עס איז אָפט זייער נויטיק פאַר אַ דיכטער, פאַר אַ טרוימער לערנען אויך די ניט-פּאָעטישע זייטן פון לעבן, די האַרטע, פּראָזאַאישעווירקלעכקייט.

אין כערסאָן האָט זיך פרוג באַקענט מיט אַ נידעריקן קריסטלעכן באַאַמטן, וועלכער איז געווען דער קאָרעקטאָר פון די „גובערנסקיא וויעדאָמאָסטי" און קאָרעספּאָנדענט פון די אָדעסער רוסישע צייטונגען. און דער דאָזיקער זייער ווייניט געבילדעטער טינטלער האָט געוועקט אין פרוגן זיין דיכטער-טאַלאַנט. ער האָט אים געלערנט ווי מען „מאַכט" לידער.

---

*) אין די קינדער-יאָרן האָט פרוג נאָר תנך געלערנט, שפּעטער האָט ער זיך פאַרטיפט אויך אין מדרש און אין דער אַלטער תלמודישער אגדה.

**) איך ווייס קיין איין איינציק געדיכט ביי פרוגן, ניט אין רוסיש און ניט אין יידיש, אין וועלכע ער זאָל שילדערן אָדער באַזינגען די „דאָרף-שולע" ווי ער האָט דאָס אָפט געטאָן מיט דעם יידישן חדר.

***

דאָס ערשטע געדיכט פון ש. פרוג איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1880 אין דער דעמאָלטדיקער יידיש־רוסישער וואָכנשריפט „ראַזסוועט".

פרוגס דיכטער־טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט, האָט אויפגעבליצט פונקט אין דער צייט, ווען צווישן די רוסישע יידן האָט דערוואַכט, אויפגעלעבט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. דאָס איז געווען אַ בליץ פאַר דעם גרויסן דונער, וועלכער האָט פּלוצלונג צעקלאַפּט, צעמישט פיל רוּאיקע יידישע קעפּ.

דאָס איז געווען אַ יאָר פאַר די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד.

דאָס ערשטע געדיכט פון ש. פרוג האָט אין דער יידיש־רוסישער אינטעלי־גענטער וועלט געמאַכט גרויס אויפזען, מ'האָט גלייך דערקענט, אַז דער לאַנג־דערוואַרטעטער יידישער פּאָעט איז געקומען.

און ער איז געקומען אַ פרישער, שטאַרקער און עכטער.

די רוסיש־יידישע ליטעראַטור איז דאַן געשטאַנען אין איר בלי־צייט. דעם ערשטן פּלאַץ אין איר האָבן פאַרנומען די דערציילער יוסף ראַבינאָוויטש, לייב לעוואַנדאַ און ג. באַגראָוו. קיין יידיש־רוסישער פּאָעט פון וואָסער ס'איז באַדייטונג איז אָבער ביז פרוגן ניט געווען. דער איינציקער רוסיש־יידישער דיכטער פון ווערט איז געווען מינסקי (ווילענסקי); אָבער ער האָט זיך נאָך דאַן אינגאַנצן, אַלס מענטש און אַלס פּאָעט, אָפּגעזאָגט פון זיין פאָלק.

נו, איז געקומען אָנהייב די 80־ער יאָרן אונדזער פרוג מיט דעם תנך אין דער האַנט, מיט דער יידישער האַרפע, מיט אונדזערע זמירות און אונדזערע קינות, מיט אַלטע מאָטיוון אין אַ נייער פאָרם. אונדזער פרוג אין גייסט, ווען אַפילו ניט אין אונדזער לשון.

און דער נייער פּאָעט איז גלייך געוואָרן באַקאַנט און באַליבט צווישן דער יידישער יוגנט.

אין אָנהייב פון יאָר 1881 האָט די יידישע אינטעליגענץ אַראָפּגעבראַכט פרוגן קיין פּעטערבורג.

פרוג האָט לעבעדיק געמאַכט מיט זיין פּאָעטישן כישוף פאַרמעט־געלע אויס־געטריקנטע לעגענדן און מעשיות פון אַמאָליקע דורות. באַלזאַם האָט ער אַריינ־געגאָסן אין אונדזערע ברענענדיקע וואונדן; מוט, האָפענונג און אמונה אויף בעסערע צייטן האָט ער אַריינגעהויכט אין די הערצער פון זיינע שוואַכע אומגליק־לעך־פאַרצווייפלטע ברידער. מיט גיפטיקער איראָניע, מיט אַן אַשמדאַי־געלעכ־טער האָט ער חוזק געמאַכט פון אונדזערע פיינט...

אין יענער צייט פון זיין גלאַנץ האָט פרוג געשאַפן אויך די בעסטע געדיכטן, — און דאָס זיינען די, וועלכע האָבן אַ ביבלישן אינהאַלט, אָדער וועלכע זיינען געבויט אויף יידישע לעגענדעס. זיין „בעכער"*) איז געוואָרן אַ פאָלקס־ליד; אַ דימענט אין דער קרוין פון דער יידישער פּאָעזיע.

---

*) דער „בעכער", אָנגעשריבן דורך פרוג אין רוסיש, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך י. ל. פּרץ. עס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן מעלאָדיעס צום ליד. — רעד.

***

אין די ניינציקער יאָרן, פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, האָט דער דיכטער ווי פאַרלאָרן אַ שטיק פון זיין קראַפט און גלאַנץ. פרוג איז געוואָרן אַ צייטונגס־אַרבעטער. און שווערע צייטן האָט ער געמוזט דורכמאַכן. זייער אָפט האָט אים די פאָליציי געוואָלט אַרויסטרייבן פון פעטערבורג אַלס ייד, וועלכער איז נישט קיין בעל־מלאכה און נישט קיין גרויסער סוחר, און דערצו — דער שווערער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

איך וויל פרוגן ניט פאַרכאַפן דעם וועג, פיללייכט וועט ער אונדז נאָך אַליין דערציילן די זכרונות פון יענע שווערע צייטן.

מיט צען יאָר צוריק, אָדער עטוואָס פריער, האָט פרוג אָנגעהויבן שרייבן יידיש. און ער איז מיט זיינע „לידער און געדאַנקען” געוואָרן דער ליבלינג פון דעם יידישן המון, פון די ברייטע יידישע מאַסן.

פרוג, דער דיכטער אין יידיש, טראָגט אויף זיין קאָפּ אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע קרוין און גאַנץ אייגנאַרטיק (אָבער זייער געזונט און געשיקט) שפּילט ער אויף זיין נייעם געדאַנקען־ און געפילן־אינסטרומענט: — די יידישע שפּראַך.

און וואָס פאַר אַ קינסטלער איז פרוג אין יידיש! ווי מייסטערהאַפט ער באַהערשט די יידישע שפּראַך, אויף וועלכער ער קלאָגט זיך שטענדיק, אַז זי איז אָרעם, האַרט און, אַן און פאַר זיך, זייער ווייניק פּאָעטיש.

דער אַלטער יידישער שמערץ קלינגט אין אַלע פרוגס לידער, און דערום האָבן זיי אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם לעזער.

פרוג קינסטלט ניט זיינע לידער; ער קוועטשט זיי ניט אַרויס מיט גוואַלד פון פעדער. זיי פליסן ביי אים ווי פון זיך אַליין, זיין שמערץ איז ניט קיין געמאַכטער, זיין שמערץ איז דער אייביקער שמערץ פון דעם געפייניקטן, געדריקטן, צעטראָטענעם פאָלק. אויך זיין האָפענונג, זיין גלויבן אין בעסערע צייטן זיינען עכט.

און דערום ווערט לייכטער אויפן האַרצן, ווען מ׳זאָגט מיט פרוגן אַ ביסל קינות. דורך די טרערן, וועלכע פאַרשלייערן אונדזערע אויגן, זעען מיר דאָך דעם רעגנבויגן פון האָפענונג.

ניו־יאָרק, מערץ 1910.

פון דער פאָררעדע צו „אַלע שריפטן פון ש. פרוג”, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1910 אין 3 בענד דורך דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני”. מיט פאַרקירצונגען. — רעד.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

וועגן ש. פרוג

וואָס פרוג האָט געמאַכט אויף רוסיש, ווייס איך נישט, אָבער פון זיינע יידישע שירים ווייס איך גראָד. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז זיי וואָלטן געמאַכט דעם אמתן גרויסן רושם, ווען זיי וואָלטן באַשטאַנען פון אַ פערטל פון דעם, וואָס עס איז דאָ. לייענט מען איין שיר פון פרוגן און נאָך איינעם, הערט מען נאָך אין זיי דעם קול פון אַ לעבעדיקן יידן. אָבער, אַז מען לייענט מער און מער, קומט שוין אויס, אַז דאָס זיינען פיוטים פון אַ מחזור. שירים זיינען דאָס נישט, און לידער פון אַ פאָלק זיינען דאָס אויך נישט; אָבער תפילות זיינען זיי, די אמתע תפילות פון אַ סידור. און איידער אַ פראָסטער ייד זאָל זאָגן ברכות און זיי נישט פאַרשטיין, וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ער זאָל דאַווענען און זאָגן פרוגן. דאָס מיין איך אויף דער אמתן. און ווען פרוג האָט נאָר דאָס אַליין אויפגעטאָן, איז אויך ווערט, אַז יהי זכרו ברוך! *).

*) אַז זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט. פון מ. י. ב׳ ס „יידישע כתבים", איקוף-פאַרלאַג, ב׳ 2 ז׳ 191.

וויכטיקסטע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון שמעון פרוג

1860 געבוירן אין באָבראָווי־קוט. אַ יידישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניע.

1865 אָנגעהויבן גיין אין חדר.

1869 אָנגעקומען אין דער רוסישער שול פון באָבראָווי קוט.

1875 געקומען קיין כערסאָן, וואו געאַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פונעם ראַבינער.

1880 דעביוטירט אינעם רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „ראַזסוועט". ווערט פאַר־בעטן קיין פּעטערבורג, וואו ער ווערט גיך באַקאַנט און באַליבט ביי דער רוסישער און רוסיש־יידישער אינטעליגענץ.

1881 די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד דערשיטערן אים און וועקן אין אים נייע מאָטיוון. באַטייליקט זיך אין אַ באַנקעט לכבוד י. ל. גאָרדאָן, לייענט זיין רוסיש ליד „מאַגוטשאַיאַ לירא" (די מעכטיקע האַרפע).

1882 פאַרעפנטלעכט זיין ליד אין רוסיש „דער בעכער" אין „רוסקי יעווריי" און ער ווערט אָנערקענט פאַר אַ יידישן נאַציאָנאַלן דיכטער.

1883 שטייט אויס צרות פון דער פּאָליציי אין פּעטערבורג, וואָס לאָזט אים ניט וואוינען אין דער שטאָט.

1884 י. ל. גאָרדאָן ווידמעט אים אַ באַגייסטערט ליד אין העברייאיש, זעט אין אים זיין יורש. זיין רום האַלט אין וואַקסן צווישן דער יידיש־רוסישער און רוסישער אינטעליגענץ.

1885 אַרטיקלען און רעצענזיעס אין די רוסישע זשורנאַלן וועגן אים פון א. מ. סקאַביטשעווסקי, ק. אַרסעניעוו א. אַנד.

1885 עס דערשיינט די ערשטע זאַמלונג פון זיינע לידער אין רוסיש, וואָס ווערט דערנאָך איבערגעדרוקט אין 1890 און 1897.

1886 עס דערשיינט אין אַ יידישער איבערזעצונג זיינס אַ ליד. אין די ווייטערדיקע יאָרן באַווייזן זיך נאָך איבערזעצונגען פון זיינע רוסישע לידער.

1887 עס דערשיינט אַ נייע זאַמלונג רוסישע לידער „דומי אי פעסני" וואָס ווערן דערנאָך איבערגעדרוקט אין נייע אויפלאַגעס.

1888 הויבט אָן צו שרייבן יידיש און פאַרעפנטלעכט אין „יידישן פאָלקסבלאַט" לידער און פעליעטאָנען.

דרוקט אָפּ אין מ. ספּעקטאָרס „הויז פריינד" זיין ליד „דאָס יידישע קינד".

טרעט אַרויס אין וועכנטלעכן „וואָסכאָד" מיט אַן אַרטיקל קעגן יידיש אונ־טערן טיטל „אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער".

1889 פאַרעפנטלעכט לידער אין לעצטן יאָרגאַנג „יידיש פאָלקסבלאַט".

1890 אין י. ל. פּרצעס „די יידישע ביבליאָטעק" דערשיינט ש. פרוגס „דער כוס" אין פּרצעס יידישער איבערזעצונג.

אָנגעשריבן דאָס ליד „אויף מיכל גאָרדאָנס קבר".

פאַרעפנטלעכט זיין ליד „אַ בלעטל ווידוי".

1891 פאַרבראַכט אין אָדעס, זיך באַפריינדט מיט מענדעלע, מ. בן עמי, י. ח. ראַבניצקי, ש. דובנאָוו א"אַנד.

1896 ערשטע זאַמלונג לידער אין יידיש „לידער און געדאַנקען" (אָדעס, 160 ז"ז).

1898 דערשיינט אין העברייאיש אין דער איבערזעצונג פון יעקב קאַפּלאַן „שירי פרוג" וואַרשע 382 ז"ז, מיט אַ הקדמה פון ראובן בריינין. רעצענזיע אין „השלח" פון ב"ק [י. ח. ראַבניצקי].

עס דערשיינען צוויי ביכער אין רוסיש „סקיצן און מעשהלעך", „סיאַנידי".

1900 אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין נייעם רוסיש-יידישן זשורנאַל „בודושטשנאָסט".

1901 רעדאַקטירט צוזאַמען מיטן אַגראַנאָם מ. וועללער, „דעם לאַנד-אַרבייטער" (לוח פון קאָלאָניסטן און גערטנער), ווילנע 247 ז"ז.

1903 באַטייליקט זיך אין דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג „דער פריינד". פאַרעפנטלעכט זיין באַרימט ליד „האָט רחמנות". נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם.

1904 ס'ווערן אַרויסגעגעבן דורכן „פריינד" אין יידיש „אַלע ווערק" (1887 — 1904) אין 2 בענד, 405 זז".

1905 זיך באַטייליקט מיט לידער אין „דאָס לעבן" (חודש-זשורנאַל).

פאַרעפנטלעכט זיין ליד „דער אָדלער", געווידמעט מענדעלעס 70טן געבוירנטאָג.

1906 קראַנק געוואָרן אויף די נירן.

1909 אַריבערגעפאָרן קיין אָדעס. וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס אינספעקטאָר פון אַ פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט.

1910 עס דערשיינען אין 3 בענד „אַלע שריפטן פון ש. פרוג" אין היברו פּאַבלישינג קאָמפּ. מיט אַ פאָררעדע פון ראובן בריינין.

טרעט אויף מיט אַ רעדע-באַגריסונג צו מענדעלעס 75טן יאָרטאָג.

זעצט איבער אין רוסיש „יידישע אגדות" פון ביאַליק-ראַבניצקי אין 4 בענד.

באַטייליקט זיך אין דער רוסישער און יידישער פרעסע אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען.

צו זיין 50טן געבוירנטאָג ווערן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין יידיש, העברייאיש און רוסיש.

1912 דערשינען אין אָדעס אַלע ווערק אין רוסיש אין 6 בענד, מיט אַן אַריינפיר פון דר. יוסף קלויזנער.

פאַרעפנטלעכט לידער אין „יידישע וועלט", פּעטערבורג.

טרעט אויף אין אָדעס אויף פאַרזאַמלונגען אין יידיש און אין רוסיש.

1913 מאַכט אַדורך שווערע אָפּעראַציעס, זיין געזונט-צושטאַנד ווערט ערגער.

1914 אָנגעהויבן צו שרייבן „זכרונות" און פאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער „מאָמענט". צוליבן אויסברוך פון וועלט-קריג איבערגעריסן ביים סאַמע אָנהייב.

1915 אויפן קראַנקן-בעט שרייבט ער אַ סעריע העברייאישע לידער.

1916 סעפּטעמבער דעם 9טן (לויטן אַלטן סטיל) נאָך שווערע ליידן שטאַרבט ער. זיין טויט רופט אַרויס גרויס טרויער און צער איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. אַרטיקלען און זכרונות ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע פון דער וועלט. טרויער-טעלעגראַמעס פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

לידער פון שמעון פרוג

צו מיינע לעזער

ברידער מיינע, ליבע ברידער!
פול מיט לייד און שאַנד —
זינג איך ווידער מיינע לידער
פון אַ וויטן לאַנד,

פון אַ געגנט, וואו דער הימל
רעגנט קלאָג און לייד;
און אַ טיפער שוואַרצער דרימל
ליגט אויף אַלץ פאַרשפרייט.

בעט פון מיר קיין זיסע שטימען,
בעט קיין פרייעס ליד:
אויף מיין פידל ליגט דער סימן
מיטן שטעמפל „ייד״!

אוי, דאָס איז אַ טיפע חתימה,
אויף מיין קראַנקעס האַרץ,
און עס גיסט זיך פון מיין שטימע
נאָר געוויין און שמאַרץ!..

מיין ליד

איך בין אַ חזן אָן אַ עמוד
כמעט שוין פינף און צוואַנציק יאָר.
דאָך קלינגען מיינע תפילות תמיד
און כ'האָב דערצו אַ שיינעם כאָר.

אַ גרויסן כאָר פון אַלע סאָרטן
פון אַלע שטימען אויף דער וועלט!
מיליאָנען פויגעלעך אין גאָרטן,
מיליאָנען קווייטעלעך אין פעלד,

דער ווינשטאָק איז מיט מיר מתפלל
אויף טל־ומטר אין דער צייט,
די וועלדער זאָגן מיט מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פון יעדער זייט.

דער שטורעם העלפט מיר בלאָזן תקיעות —
ער האָט אַ שופר גאָר אַ פּראַכט —
און הערן ממש איז אַ חיות
זיין בלאָזן אין אַן אָסיען־נאַכט;

מיר זינגט די זון מכלכל־חיים,
הושענות שלאָגט דער ווינט ביים טייך . . .
און מיט אַ ניגון גאָר אַ נייעם
וויל איך די לידער זינגען אייך.

מיין האַרץ איז אָבער ווי אין ריינגען
געפּאַסט, און ווינען ציט עס מיך;
מיט וואָס איך הייב ניט אָן צו זינגען, —
מיט „מן־המיצר״ ענדיק איך...

צום שרייבער

מיין ברודער! שלעכט איז דיר, איך ווייס;
נאָר גיי און טראָג דעם יאָך דעם שווערן,
שטיי שטאָלץ און קרעפטיק אויף דיין אָרט:
עס מוז, עס וועט דאָך ליכטיק ווערן!

ניט שרעקלעך איז די פינצטערניש —
ס'וועט אָנהייבן צו טאָגן;
די שטראָלן וועלן פון דער וועלט
די שוואַרצע נאַכט פאַריאָגן.

עס וועלן אויפוואַכן פון שלאָף
גאָר נייע לייט מיט נייע מוחות;
זיי וועלן ברענגען אויף דער וועלט
פיל נייע, פרישע, שטאַרקע כוחות.

פיל העלע שטראַלן, גרויסע ליכט
וועט דעמאָלט ווערן אָנגעצונדן;
דער שלאָפער וועט באַקומען קראַפט,
און ליכטיק וועט ווערן דעם בלינדן.

דאָס מוז זיין, ברודער!.. אָבער איצט,
דערווייל — איז גאָט צו דאַנקען, כ'לעבן,
פאַר יעדן שטראַל פאַר יעדן פונק,
וואָס צינדט זיך אָן אין אונדזער לעבן!

אַ מעשהלע פון אַ געוועזענעם ערד־אַרבעטער

אַ דערפל איז פאַראַנען,
עס הייסט באָבראָווי קוט;
אַמאָל איז דאָרט געשטאַנען
מיין וויגעלע... און גוט

און זיס איז מיר געגאַנגען
אין יענער ליבער צייט:
דאָרט האָבן גאָלע זאַנגען
געראַשט פון יעדער זייט.

דאָרט האָט די גרינע בלעטער
אַ ווינטעלע געוויגט;
אַ ליבער, זיסער ווינטער
מיין יונגע ברוסט געקוויקט.

עס האָרעווען דאָרט יידן
פון קינדווייז ביזן טויט,
און עסן דאָרט אין פרידן
אַן אייגן שטיקל ברויט.

פאַרגאַנגען זיינען יאָרן,
איך בין פון דאָרט אַוועק —
בין צוגעגרייט געוואָרן
גאָר צו אַן אַנדער צוועק:

ניט מיט דער סאָכע גיין
פון אָרעמקייט און נויט,
און אַקערן און זייען
אַלץ פאַר דעם שטיקל ברויט,

נײן, שטאַרק איז ווי אַ צעדער
און שטאָלץ מיין האַרץ אין מיר;
מיין סאָכע איז די פעדער,
מיין פעלד איז דאָס פּאַפּיר!

די פעדער איז מיין סאָכע,
מיין פעלד איז דאָס פּאַפּיר,
און וואָס פאַר מזל־ברכה
איז אָנגעגרייט פאַר מיר!

— מען לעקט פון מיר די פינגער,
עס קלינגט מיט מיר אַ וועלט;
כאָטש וואָס איז, דאַכט זיך, גרינגער —
מאַך לידלעך און נעם געלט.

יאָ, כ'מעג זיין צופרידן,
ניט ערגער ביזן טויט,
איינס פעלט נאָר, ליבע יידן,
נאָר איינס — דאָס שטיקל ברויט!..

זאַמד און שטערן

עס שיינט די לבנה, עס גלאַנצן די שטערן:
די נאַכט שוועבט אויף באַרג און אויף טאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפן, —
איך לייען עס, לייען עס טויזנט מאָל.

איך לייען די הייליקע טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: „איך שווער —
מיין פאָלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אויפן ברעג פונעם מער...״

רבונו־של־עולם! עס ווערט ניט פאַרפאַלן
פון דיינע הבטחות קיין איינציק וואָרט:
מקוים מוז ווערן דיין הייליקער ווילן,
אַלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן,
דאָס פיל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זיינען געוואָרן ווי זאַמד, וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפּרייט און צעוואָרפן אויף שאַנד און אויף שפּאָט,
נו, אָבער די שטערן, די ליכטיקע קלאָרע —
די שטערן, די שטערן — וואו זיינען זיי גאָט??

אַ בלעטל ווידוי

(1890)

ווי פויל און ווי שלעפעריק קריכן די טעג,
ווי גיך אָבער פליען די יאָרן!
וויט, וויט איז נאָך ביז צו דעם עק פון מיין וועג,
און זעט, ווי איך בין שוין פאַרחושכט געוואָרן!
געבויגן דער רוקן און גרוי איז די האָר,
פאַרטריקנט די באַקן, אין קנייטשן דער שטערן,
די אויגן פאַרטונקלט פון ביטערע טרערן...
אַך, ברידער! — מיר גייט ערשט דאָס דרייסיקסטע יאָר!..

„בן שלשים לכח!" — נו טאַקע, ווי דען?
איר ווייסט דאָך, דאָס זאָגט די גמרא...
טאָ נעמט־זשע, זייט מוחל, איך בעט אייך, אַ פען,
און רעכנט נאָר אויס, קיין עין־הרע,
אַ קימא לן, ווי פיל דאַרף זיין איבעראַל
ביי יידן גבורים? — אַ שרעק בנאמנות!
אין לוצין, אין פינסק, אין בערדיטשעוו — אַ כלל
אַ פאָלק פון גבורים — אַן אימה, סכנות!

אַ פאָלק פון גבורים! און וואו נאָר אַ ייד —
אַ גלית הפלשתי, אַ שמשון הגבור!
עס קאָכט ווי אַ קעסל, עס ברומט און עס זידט,
עס ציטערט די ערד אונטער אים ווי פון פיבער,
מע אַרבעט, מע הוליעט, מע טרינקט און מע עסט,
מע באָדט זיך אין שפע; און וואו נאָר אַ הייזל,
און וואו נאָר אַ מנין, און וואו נאָר אַ קלייזל —
אַ לאַגער פון לייבן, פון אָדלערס אַ נעסט!

אַך, לייבן און אָדלערס! איך בין אויך אַמאָל
אַן אָדלער געוועזן: מיט ליכטיקע אויגן,
מיט קראַפט און מיט האָפענונג אויף בערג און אויף טאָל
אויף טייכן און פעלדער געשוועבט און געפלויגן;
מיך האָבן די שטערן פון הימל געגריסט,
די וואָלקנס צו פוסן געשפרייט זיך,
די וועלדער געזונגען, די טייכן געפליסט —
געזונגען, געשיינט און געפרייט זיך,

די וועלדער און פעלדער אַרום און אַרום,
די וואָלקנס און שטערן, די טייכן און קוואַלן,
דאָס גריניִנקע בלאָט און די ראָזעווע בלום —
באַשפּריצט מיט דעם טוי און באַשיינט מיט די שטראַלן —
דער זילבערנער שניי און דער גאָלדענער זאַנג,
די ערד און דער הימל פון אונטן און אויבן —
אַלץ, אַלץ האָט געזונגען פון האָפענונג און גלויבן,
און זיס איז געווען זייער ליבעס געזאַנג!

די גאַנצע נאַטור איז מיין רבי געווען:
זי האָט מיך געלערנט אי זינגען, אי שפּילן,
זי האָט מיך געלערנט אי דענקען, אי פילן,
זי האָט מיר געצייגט וואָס איז מיאוס און וואָס שיין,
דאָס האַרץ זאָל זיין פריש און דער קאָפּ זאָל זיין ניכטער,
צו אַלץ זאָל איך האָבן אַ וואָג און אַ מאָס...
און איך בין געוואָרן, צו מזל, אַ... וואָס?
אַ דיכטער, רבותים, אַ יידישער דיכטער!

איר ווייסט וואָס דאָס איז? וואָס דאָס האָט פאַר אַ ווערט?
פון וואַנען דאָס נעמט זיך?... אַך, לאָזט מיך צופרידן!
פאַרשאָלטן איז דער, וועמען גאָט האָט באַשערט
צו זיין אַ משורר... ביי יידן!
אַ משורר — אַ קלעזמער, אַ בדחן איז ער:
אַ גראַם און אַ ווערטל, אַ לידל, אַ ניגון,
אַ דריי זיך אַהין און אַ קרים זיך אַהער —
דער עולם זאָל האָבן פון אים פאַרגעניגן.

און ווי איז צו אים, אויב עס זיצט אין זיין ברוסט
אַ לעבעדיק האַרץ, פול מיט ליבע און צאָרן,
וואָס לאָזט אים ניט מאַכן צו שפּאָט און צו לוסט
די האַרפע, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן
ער זאָל אויף איר שפּילן דאָס הייליקע ליד
פון האָפענונג און ליבע, ער זאָל מיט זיין שפּילן
דערוועקן די גוטע און ריינע געפילן
פון טרייהייט און ערלעכקייט, פריינטשאַפט און פרייד.

יאָ, ווי איז צו אים! — ער וועט זיין ווי דער קול
וואָס שרייט אין דער מדבר צו שטיינער און ביינער:
עס וועלן אים הערן דער באַרג און דער טאָל,

דער וואַלד און דאָס פעלד... אָבער מענטשן — ניט איינער!
אַ ייד וועט זיך נעמען דאָס בערדל אין האַנט,
וועט שטיין מיטן קאָפּ אויף אַ זייט אָנגעבויגן,
וועט הערן מיט אויערן, קוקן מיט אויגן
און טאַקע פאַרשטיין... אַזוי ווי די וואַנט!...

אך, זאָגט מיר, דערקלערט דאָס מיר ריכטיק און גוט
וואָס איז דאָס מיט יידן געוואָרן? —
אַזוי פיל געליטן אין שרעק און אין צאָרן,
אַזוי פיל פאַרגאָסן אי טרערן, אי בלוט;
אַ טאָג גייט ניט פאַר, וואָס ער זאָל ניט צעקראַצן,
צעשטעכן אַ מכה אָט וואו נאָר אַ גליד;
עס שיטן זיך צרות ווי באָב — און אַ ייד? —
אַ ייד דאַרף אַ קלעזמער מיט פּויקן און טאַצן,

אַ בדחן מיט גראַמען און ווערטלעך; אָט דאָס
פאַרשטייט ער, אויף דעם איז ער, זעט איר, אַ מבין;
עס וואַקסט אין אים פּשוט דאָס האַרץ ווי אויף הייוון,
ער טרינקט פון דעם נחת און פרייד אָן אַ מאָס;
אַ פּשטל, אַ ווערטל, אַ ניגון, אַ לידל,
אַ מעשה, אַ חידה, אַ גראַם און אַ שפּיל...
פאַר וואָס־זשע זינגסטו אַזוי טרויעריק, שטיל,
מיין פידל, מיין אַלטע, צעבראָכענע פידל?

וואָס וויינען און זיפצן די סטרונעס אַזוי?
עס גיסט זיך אַ קלאָג פון אַן אבל:
„פיל יאָרן צוריק אויף די טייכן פון בבל,
אין אייזערנע קייטן, אויף שטיינער און שטרוי
איז עלנט געלעגן די טאָכטער פון ציון
די וויסטע אלמנה"... „— נו, זינג־זשע מיר היינט
די לידער פון ציון"!... האָט צו אים געשריען
דער פריילעכער, גליקלעכער פיינט.

„ניין, איך וועל ניט זינגען די טייערע לידער,
די לידער פון ציון, פון הייליקן לאַנד
פאַר יענעם, ביי וועלכן אין בלוט איז די האַנט...
זייט שטאָלץ, מיינע קינדער, זייט שטאָלץ, מיינע ברידער!
באַהאַלט זיי, די טייערע לידער, פאַרשליסט,
באַגראָבט זיי אין אייער פאַרקומערטן האַרצן,

הילט איין זיי אין אייערע ליידן און שמאַרצן,
באַדעקט זיי מיט ליבע, מיט טרערן באַגיסט!"

איך זע זי אין רוים צווישן בערן און לייבן,
וואָס רייסן אויף שטיקער איר עלנטע ברוסט...
איך זע זי אין שפּאַניע, צו שפּאָט און צו לוסט
איר רייכטום, איר נאָמען, איר כבוד, איר לעבן...
איך זע זי אין פינצטערע וועלדער אַליין,
אויף טייכן און ימים פון אַלע פיר זייטן, —
און זיכער און שטאָלץ, הויך און קרעפטיק, און ריין
טוט פליען צו מיר איר צוואה פון וויטן:
„— זייט שטאָלץ, מיינע קינדער! זייט ערנסט, באַשיינט
דעם הייליקן נאָמען, מיט וועלכן פאַרצייטן
איר האָט געשטאָלצירט אי פאַר גאָט, אי פאַר לייטן!
היט אָפּ און באַשיצט אייער ערע; באַקרוינט
דעם ליבן און טייערן נאָמען פון ציון...
זייט שטאָלץ, מיינע קינדער!..."

אָט דאָס איז רב ייד,
פון אָנפאַנג געווען דאָס איינציקע ליד,

צו וועלכעס מיין האַרץ פלעגט זיך רייסן און ציען.
דאָס הייליקע ליד זינג איך, ברידער, אויך איצט —
עס טריפט פון מיין האַרצן מיט בלוט און מיט טרערן!
עס לויכט מיר אין לעבן, עס פינקלט און בליצט,
אַזוי ווי ביינאַכט אין דער פינצטער די שטערן.
מיט פיל שווערע, זומפיקע, פינצטערע טעג
האָט גאָט מיך געטאָן אין מיין לעבן באַשטראָפן;
פיל גריבער, פיל שטיינער געטראָפן.

נאָר איינס איז מיין טרייסט: זאָל עס זיין נאָך גאַנץ וויט
און לאַנג נאָך צו וואַרטן, — איך האָף אָבער, ברודער,
איך גלויב: עס וועט קומען אַ ליכטיקע צייט
פאַר מיינע פאַרוויינטע, פאַריאָמערטע לידער;
עס וועט זיך געפינען אַן ערנסטעס הערץ,
אַ לעזער, וואָס וועט צו מיר זאָגן:
„וויש אָפּ דיינע טרערן און טו אָפּ דיין שמערץ:
דיין ליד אין מיין האַרצן וועל אייביק איך טראָגן!"

שבועות

אַ כישוף־מאַכער איז די נאַכט,
די שטילע, בלויע נאַכט —
מיט צאַרטע פינגער האָט זי מיר
די אויגן צוגעמאַכט;

די אויגן מיר פאַרשלעפערט שטיל,
דאָס האַרץ מיר אויפגעוועקט:
מיט ווייסע פליגלען, ווייך ווי זייד,
מיך ליבלעך צוגעדעקט.

דער ליבער, גרינער יום־טוב גייט,
די לופט איז בלוי און ריין:
אויף יעדן גרעזעלע שטראַלט־אויף
אַ העלער איידל־שטיין...

דער גרינער יום־טוב קלאַפּט אין טיר
די זון גייט אויף און שיינט.
וואו, זיידע, ווענלן מיר דאָס גרינס
אויף יום־טוב נעמען היינט?

— וואו, פרעגסטו? קום, מיין גאָלדן קינד,
אויף אונדזער הייליק אָרט, —
דער פרילינג האָט מיט גראָז באַדעקט
דיין טאַטנס קבר דאָרט . . .

קום, קינד מיינס! אונדזער אייגן גרינס
דערקענען איז ניט שווער:
פון יעדן גרעזעלע שטראַלט־אַפּ
אַ הייסע יתום־טרער...

אַ זומער־נאַכט

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז פינצטער,
מיט שוואַרצע שאָטנס איז באַדעקט
דער שטילער טייך, די גערטנער שלאָפן:
עס ווייעט מיט פרישע גראָז: עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואָמען און מיט בלומען.
די לופט איז ריין, און פריש און קיל:
אַלץ שלאָפט און רוט אין שטילן פרידן, —
נאָר פון דער אַלטער וואַסער־מיל
הער איך צוויי ליבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבן וואוינען דאָרט:
זיי וואָרקען, האַלדזן זיך... ווי רואיק
איז אויף זייער שטילן אָרט...
איך גיי אַהין, אַן אַלטע ווערבע
שטייט אויפן שטילן גרינעם ברעג:
זי איז מיין פריינט, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריקע טעג.

מיר זיינען ליב די אַלטע צווייגן,
וואָס הענגען טרויעריק אַראָפּ,
גלייך ווי פאַרצייטן ביי אַן אָבל
די האָר פון טרויעריקן קאָפּ.
זי איז מיר ליב די אַלטע ווערבע:
אָפּט זיץ איך איינזאַם אונטער איר,
און זי באַדעקט מיך מיט די צווייגן,
גיסט אויס אַ זיסע רו אויף מיר.

הער צו די תפילה

הער צו די תפילה פון דיין קנעכט,
וואָס שטייט פאַר דיר, דעם קאָפּ געבויגן!
וועק אויף דאָס קאַלטע טויטע האַרץ,
מאַך אויף די טונקלע, בלינדע אויגן.

פון יענע פעלקער אויף דער וועלט,
וואָס בלאָנדזשען אויף די קרומע וועגן...
ווי אויף דער בלום דער מאָרגן־טוי,
ווי אויף דעם זאַנג דער פרישער רעגן.

פאַרגיס אויף זייער טונקלען זין
דיין באַרמהאַרציקייט פון אויבן.
באַלייכט זיי מיט דיין שיין און מאַכט
דערקוויק זיי מיט דעם ריינעם גלויבן:

און ווי די אָפּגרונטן באַדעקט
דער טיפער ים פון אַלע עקן,
זאָל גלויבן, וואַרהייט, וויסנשאַפט
פון עק ביז עק די וועלט באַדעקן!...

איינער פון די בעסטע

צו מיכל גאָרדאָן

(געשריבן צום דערשיינען פון זיין בוך „יודישע לידער״)

וואָס איז דאָס געוואָרן? וואָס זע איך און הער? —
די קליינע זילבערנע גלעקלעך קלינגען...
די טייבעלעך וואָרקען... קאַנאַריקלעך זינגען...
דאָס וויגעלע וויגט זיך אַהין און אַהער...

דאָס וויגעלע וויגט זיך... דאָס לעמפּעלע ברענט...
די באָבעניו זיצט איבער מיר אָנגעבויגן;
איך זע אירע קלייניקע, דאַרינקע הענט,
איך קוק אין די אַלטינקע, טונקעלע אויגן.

זי אַרבעט דעם זאָק און זי זינגט ווי אַמאָל:
„איר זייט דאָך רב ייד, אין פּאַלטאַווע געוועזן״.
אַ דאַנק אייך, רב מיכל, אַ דאַנק טויזנט מאָל! —
איך האָב אייער ביכל „לידער״ געלעזן.

איר האָט ווידער פריילעך און יונג מיך געמאַכט,
ווי ליכטיק איז מיר אויפן הארצן געוואָרן! —
איר האָט מיר אַ גרוס פון מיין קינדהייט געבראַכט
אַ גרוס פון די ליכטיקע, גליקלעכע יאָרן...

*
**

איר זייט פון די ערשטע, וואָס זיינען ביינאַכט
פון שלאָף צווישן יידן געוואָרן דערוואַכט,
צו קלאַפּן צו זיי אין די פענצטער און טירן —
אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט זיי צו פירן.

איך זע אייער יידישע מוזע געקליידט
אין פּראָסטע, אַלטמאָדישע, יידישע בגדים;

דערפֿאַר אָבער זיינען זיי געניים
באַלעבאַטיש: אי שטאַרק, אי מיט כשרע פּאָדעם...

אָן קונצן, אָן צאַצקעס, פּראָסטאָרנע און לאַנג,
זי זאָל אומעטום פריי און רואיק זיך פילן —
אין שול ביים באַלעמער, אין קלויז אויף דער באַנק
און אויך אויפן מאַרק, וואו די יאַטקע־הינט בילן...

די יידישע מוזע! איר איז דאָך באַשערט
צו קריכן אין אַלערליי יידישע בלאָטעס,
מיט חסידישע שטריימלעך, פּאַנטאָפל, קאַפּאָטעס,
וואָס זיינען אַ קופּערנעם גראָשן ניט ווערט; —

צו כשרן הערצער, צו שייערן קעפּ
און כאַפּן ניט זעלטן אי קללות, אי קלעפּ...
די אַלטע יתומה אָן טאַטן, אָן מאַמען,
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע מיט גראַמען...

דערפֿאַר אָבער וואָס פאַר אַ פייערדיק הערץ
האָט איר במתנה דער בורא געגעבן! —
דער יידישער אומגליק, דער יידישער שמערץ,
דאָס גאַנצע פאַרחושכטע יידישע לעבן —

עס קאָכט און עס זידט און עס פליסט ווי אַ טייך
פון יעדער זשאַרגאָנישער שורה ביי אייך.
ניטאָ קיין צענזור און קיין משקל ביים זמר,
דערפֿאַר אָבער טרערן — כאָטש שעפּ מיט אַן עמער.

דערפֿאַר אָבער וויטיק און טרויער און שמערץ,
דערצו מיטן אמתן יידישן קרעכץ,
פון וועלכן אַ טויטער קען לעבעדיק ווערן,
אַ שטיין זיך צעגיסן אין ביטערע טרערן —

אַט דאָס איז — כל דכפין — קומט, טרינקט זיך גוט אָן
טרינקט, יידן, ס'איז פול און וועט ליידיק ניט ווערן —
דער הדס מיט פעפער, דער בעכער מיט טרערן,
דאָס יידישע לידל פון מיכל גאָרדאָן!

אויף מיכל גאָרדאָנס קבר

נאָך אַ קבר, נאָך אַ הערץ
איז שוין טויט און קאַלט געוואָרן,
פריי פון פרייד און פריי פון שמערץ,
פריי פון ליבע און פון צאָרן.

אויף דער ערד, אויף אַש און שטרוי
פאַלט אַראָפּ די אַלטע פידל, —
מיטן טיפן לעצטן „אוי!״
נעמט אַן עק דאָס נאַריש לידל.

הויך און ערנסט, טיף און שטאַרק
האָט אַמאָל דאָס ליד געקלונגען,
און אַן עק! — אַראָפּ פון מאַרק! —
האדיע וויינען, האדיע זינגען!...

שלאָף־זשע זיס אין דיין געצעלט,
ליבע, טייערע נשמה!
נעם מיט זיך אויף יענער וועלט
כאָטש די איינציקע נחמה,

אַז דיין ליד, דיין יידיש ליד
וועט נאָך לאַנגע יאָרן קלינגען
און וואו נאָר עס לעבט אַ ייד,
וועט מען דיינע לידער זינגען.

שלאָף־זשע פריי פון לייד און פיין;
שלאָף, נשמה, ליבע, פיינע!
דיינע לידער וועלן זיין,
אייביק זיין קדישים דיינע!...

דער אָדלער

(געווידמעט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש
צו זיין 70־יאָריקן יובילײ)

קוקט, שוועלבעלעך מיינע: ווי רואיק און ברייט
די גרויסע, די מעכטיקע פליגל צעשפּרייט,
ער שוועבט צו די שטראַלן... וואוהין, פרעגט איר, האַלט ער
זיין לופט־וועג, דער אָדלער, דער אָדלער דער אַלטער?
ער שטרעבט צו דער אייביקער געטלעכער שיין...
זיין האַרץ ווייסט פון שרעק ניט, זיין קאָפּ ניט געבויגן;
ניט פינטלענדיק קוקן אין הימל אַריין
די ליכטיקע אָדלערשע אויגן...

ווי אַלט איז ער? — פרעגט ביי דעם רוישנדן וואַלד
און פרעגט ביי די פעלדזן, און פרעגט ביי די שטראָמען,
וואָס פליסן אין וואַלד פון די פעלדזן... ווי אַלט?
עס זינגען אַ הערלעכן לויב צו זיין נאָמען
די שטערן, די וואָלקן... זיי ווייסן די צייט,
ווען ער האָט די שפּונגס־ענויים געליטן,
ווען ער האָט די פעדערן זיינע געביטן,
זיין אָדלערשע יוגנט באַנייט...

האָט רחמנות

1.

שטראָמען בלוט און טייכן טרערן
זידן, פליסן טיף און ברייט...
אונדזער אַלטער, גרויסער אומגליק
האָט זיין האַנט אויף אונדז פאַרשפּרייט.

הערט איר דאָרט, ווי מוטערס קלאָגן
און פון קינדער דאָס געשריי?
טויטע ליגן אויף די גאַסן,
קראַנקע פאַלן לעבן זיי...

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!..

2.

פון דער וויטן שווער צו פילן:
ווייטע טרערן — פרעמד געוויין,
ווייטער אומגליק—פרעמדער אומגליק,
פרעמדעס בלוט... ניין, ברידער, ניין!

הערצער טויזנט — און איין ווייטאָג
טויזנט הייזער — און איין טיר;
אַלע, אַלע — איין פאַרקלאָגטער
קראַנקער יתום זיינען מיר!..

ברידער, שוועסטער! האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!..

3.

שטראָמען בלוט און טייכן טרערן
זידן, פליסן אָן אַ שיעור...
אימת־מות קוקט אין פענצטער,
און דער הונגער קלאַפּט אין טיר...

שוואַך איז אונדזער האַנט צו שטרייטן,
שטאַרק און שווער איז אונדזער שמאַרץ...
קום־זשע, דו, מיט טרייסט און ליבע,
גוטעס, הייסעס יידיש האַרץ!

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!..

אין אַ ווינטער נאַכט

1.

די באָבעניו זיצט מיטן זאָק אין דער האַנט,
דאָס לעמפּעלע צאַנקט. פון די שפּיזלען
צעוויגן זיך, לויפן אַרום אויף דער וואַנט
אי חיות, אי פויגל, אי ריזן...

די באָבעניו שוויגט... אַלע מעשיות שוין לאַנג
אונדז איבערדערציילט פאַרן זומער...
אין האַרצן ביי איר ליגט אַ גיפטיקע שלאַנג,
אַ טיפער, אַ גליענדער קומער...

אין דרויסן איז פינצטער, אין דרויסן איז קאַלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פאַרשאָטן...
אַן אומעטיק בילד, אַ פאַרטרויערט געשטאַלט
שוועבט לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ שאָטן...

די אַלטיטשקע זיצט ביי דעם לעמפּעלע, שווער
און טיף איז איר רוקן געבויגן...
זי זיפצט און זי שעפּטשעט... אַ טרער נאָך אַ טרער
באַלויכטן די טונקעלע אויגן...

2.

„— אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פּוסטע! מיט שניי
פאַרשאָטן, פאַרגליווערט געוואָרן...
עס פליען די ווינטן און קלאָגן אויף זיי
און רוישן און גרימען מיט צאָרן...

„אוי, פייגעלעך ליבע! וואו זייגען זיי איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער מערן;
אַהין, וואו דער מאָרגן־שיין פינקלט און בליצט
און שמייכלען די גאָלדענע שטערן.

„אַהין, וואו די לופט איז געזונט, ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואָלקנס נאָר שוועבן —
צו אָנהייבן דאָרט פונדאָסניי, פונדאָסניי
אַ פריי, אַ גליקלעך לעבן.

„דער ווינטער איז לאַנג, נאָר דער שניי וועט צעגיין,
דער גאָלדענער פרילינג וועט קומען;
דער הימל וועט ווערן אי ליכטיק, אי ריין
די גערטנער באַשאָטן מיט בלומען.

„די ערד אין איר אַלטן, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שיינען, אי בליען,
און פריילעך אַהער וועלן קומען צוריק
די פייגעלעך ווידער צופליען...

.3

„אוי, קינדערלעך מיינע, פון ווינטן און קעלט
פאַרגליווערטע, קראַנקע נשמות!..
זיי זיינען אַוועק ערגעץ דאָרט אויף דער וועלט
צו זוכן הצלחות, נחמות.

זיי זיינען אַוועק אין אַ פינצטערער צייט,
אין שווערע, אין ביטערע יאָרן;
און אייער געבורט־אָרט איז פרעמד שוין און ווייט
פון זייערע אויגן געוואָרן.

„צי האָבן זיי דאָרטן שוין נעסטן געבויט
צו פירן אַ פרייען, אַ זיסן,
אַ ליכטיקן לעבן, פון שרעק און פון נויט,
פון קעלט און פון ווינטן ניט וויסן;

און אפשר אויך דאָרט איז ניטאָ וואו פאַר זיי
צו צוטוליען זיך מיטן אַלטן
פאַרמאַטערטן קאָפּ, און פון קעלט און פון שניי
די עלנטע ברוסט צו באַהאַלטן.

„קיין איינציקער טראָפּן אין לייד און אין פּיין
ניטאָ צו באַפרישן דעם גומען...
איינס וויס איך: ווי שלעכט עס זאָל דאָרטן נישט זיין —
צוריק וועלן זיי שוין ניט קומען...

***

„דער פראָסט ווערט אַלץ גרעסער; זיין אייז־קאַלטער פלוס
צעגיסט זיך פון אַלע פיר זייטן...
פאַרוואָגלטע פייגעלעך מיינע! אַ גרוס,
אַ הייס־ליבן גרוס אייך פון ווייטן"...

ניי־יאָר

ניי־יאָר! — שפּיל, מיין אַלטע פידל!
שפּיל אַ ניי, אַ פריילעך לידל,
זינג אַ נייעם, זיסן שיר —
דיינע סטרונעס זאָלן קלינגען;
אַלע הערצער זאָלן זינגען,
זינגען, פרייען זיך מיט דיר!..
און די פידל ענטפערט מיר:
— אויף אַ בוים ביים טייך פון בבל
בין געהאַנגען איך אַמאָל,
און נאָר קלאָגן ווי אַן אָבל
קאָן פון דעמאָלט־אָן מיין קול...

ניין, איך האָב קיין נייע לידער,
אַלטע קאָן איך, ליבע ברידער!
דאָרט, ביים גרויסן אַלטן טייך
האָב איך זיי געהערט פאַרצייטן
און אויף אַלע נייע צייטן
איינס נאָר ווינטשן וועל איך אייך:
מיט זיין ליבע, מיט זיין טרייהייט
זאָל גאָט שענקען אייך צוריק
אייער אַלטע קראַפט און פרייהייט
אייער אַלטן גליק!..."

די פאָן

ניט פון גאָלד־שטאָף, ניט פון זיידנס
איז די פאָן געמאַכט;
אין אַ שרעקלעכן געוויטער,
אין אַ שטורעם־נאַכט —

האָט גערוישט דאָס אַלטע שפּינראַד,
און די בלייכע נויט,
אין אַ פייכטן קעלער־ווינקל
ביי אַ חלב־קנויט,

האָט געוועבט די גרויע פאָדעם
ריין און שטייף און גוט,
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּן אייגן בלוט.

אַלע וויטיקן און ליידן,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיפע תפיסה־גריבער
פונעם שוואַרצן־גרונד,

פון די הונגעריקע דערפער,
פון די דושנע שטעט,
וואו עס איז פאַרבלענדט דאָס לעבן
ווי פון הינערפלעט;

אַלע וויטיקן און ליידן,
אַלץ, וואָס יאָרן לאַנג
האָט פאַרגיפטעט איר נשמה,
ווי די בייזע שלאַנג,

אַלץ, מיט וואָס געדריקט איר לעבן
האָט די טיראַניי
אין געמיט איר גאַל געגאָסן
און אין האַרצן בליי —

האָט די פאָלקס־נויט אין די רויטע
פאָדעם איינגעוועבט...
זעסט? די פאָן—זי ווייעט, זי פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט,

און די שאָטנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן —
און עס שיינט דער מאָרגנשטערן
אויף דער רויטער פאָן!...

פאָראויס!

אויף די בלויע, שטילע וועלן
וועלכע גלאַנצן ווי אַ שפּיגל;
שוועבט אַ זעגל, שוועבט און פלאַטערט —
ווי אַ גרויסער, ווייסער פליגל.

אויף די שטילע, בלויע וועלן
שווימט אַ שיפעלע אַ קליינע;
און פון שיפל הער איך שטימען,
יונגע שטימען, זיסע, ריינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
פון די שטורעמס, פון די ווינטן;
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטן
מיט די גרויסע, בייזע אינדן.

וועלכע שווימען אויף דעם אָפּגרונט
ווייט, אין יענע שיינע, פרייע
לענדער, וואו די זון שיינט אייביק,
וואו עס לעבן גוטע, טרייע,

ליבע מענטשן, גלייך ווי איין
גרויסע, גליקלעכע משפּחה...
און ווי שטאַרק איז זייער פריינדשאַפט
זייער פרידן און הצלחה...

— נו־זשע, ברידער! — אין דעם זעגל
בלאָזט דער ווינט!... נו, גיכער, גיכער!
אונדזער שיפעלע וועט פליען
אויף די אינדן, ווי אַ וויכער...

„וואָלקנס שוועבן אויף דעם אָפּגרונט;
שווער אין שטורעם איז דאָס שווימען.
נאָר פאָרויס... מיט האָפענונג, ברידער!"
— זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זיי צוזאַמען;
טיף אין האַרצן פיל איך פליסן
בייע קרעפטן, נייע פלאַמען.

ליד צו דער אַרבעט

פאַר איך, מיינע אָרעמע ברידער און שוועסטער,
וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט,
וואָס קריכן און בלאָנדזשען אויף טויזנטער וועגן,
אין רעגן, אין שטורעם, אין היץ און אין קעלט,

פאַר דיר, אוי, דו, אייביקער קרעכצער און זיפצער,
פאַרשוואַרצטער, פאַרקלאָגטער, פאַריאָמערטער ייד,
טוט שאַלן און זינגען און הילכן און קלינגען
מיין פרייש און מיין לעבעדיק-פריילעך ליד.

אין טויזנטער שטראָמען גיסט זיך דאָס לעבן
און קומט פאָרט צום אַלטן, צום אייביקן ברעג...
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, ליבנדיק, הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!

געבענטשט זאָלן זיין דער ווערקשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער און זומפּיקער וועג.

געשמאַק זיינען, ברידער, דעם שרהס מאכלים!
געשמאַקער פון אַלעם — דאָס שטיקעלע ברויט,
וואָס ציט זיך פון אייגענער, ערלעכער אַרבעט
מיט שווייס און מיט מי, אַבי נאָר אָן נויט.

געשמאַק איז דעם שרהס שלאָף אין זיין צימער,
אויף ווייכינקע קישעלעך, ווייס ווי דער שניי;
געשמאַקער — אַ שלומער פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט
אין פעלד, אויף אַ קאָפּיצע פרישינקן היי.

פיל ליכטיקער שיינט די זון נאָך אַ רעגן,
די וואַרעמקייט — ליבער און זיסער נאָך קעלט;

נאָר די, וועלכע האָבן דאָס אומגליק געגאָסן,
פאַרשטייען וואָס גליקלעך זיין הייסט אויף דער וועלט.

די פייל איז פון שטאָל, דער האַמער פון אייזן,
גאַנץ איינפאַך געמאַכט און נישט איבעריק שיין,
מיט זיי אָבער מאַכט מען די שווערד און דעם פאַנצער
און טאַקע די הייליקע קרוינען אַליין.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע פון אייזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין־איינציקער טריט.

טאָ לויבט־זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, ליבנדיק, הייס.
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס.

די תפילה

צו דיר, אָ, פרייהייט! ריינער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליסט אונדזער ליד, פון טרערן מיד,
פאַר דיר צעגיסט זיך אונדזער תפילה;

קום, ליבע, טרייע, קום צו אונדז!
און ווי די שאַרפע פייל פון בויגן,
וועט טאָן אַ שלאָג דיין העלער טאָג
אין די תליונימס בייזע אויגן.

ווי אייזן האַרט און שווער ווי בליי,
וועט זיי דיין פריש ווינטל דריקן,
אַ טויט־שטראָף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופט וועט זיי דערשטיקן.

צו דיר, אָ, פרייהייט! קלאָרער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליסט אונדזער ליד, פון צאָרן מיד,
אין פלאַמען גיסט זיך אונדזער תפילה...

דער רויטער קראַנץ

איר הערט, חברים? ער טרעט אָפּ,
ער, אונדזער תליון און רוצח,
וואָס האָט געאָטעמט מיטן ריח
פון בלוט און שריפות... ער טרעט אָפּ!
אַ סוף איז אויך צו אים געקומען —
און אַשמדאי באַקרוינט זיין קאָפּ
מיט גיהנום־בלומען...

אַ קראַנץ, אַ קראַנץ ליגט אויף זיין קאָפּ,
אַ קראַנץ פון יענע רויטע בלומען,
וואָס שפּראָצן איצט אי דאָ, אי דאָרט,
אויף יעדן טריט, אויף יעדן אָרט,
וואו ס'זיינען אונדזערע קרבנות
געשעכט געוואָרן אָן רחמנות
פון קין־מאָרד.

די רויטע בלומען וואַקסן איצט
אויף יעדער גאַס, אויף אַש און שטיינער,
דאָרט, וואו עס זיצט און שטראַלט און בליצט
דער פרייהייט־קוואַל, דער הייסער, ריינער,
שטייט אויף פון גרונט, פאַרפּלייצט דעם ברעג —
און אים פאַרצוימען קאָן ניט קיינער
זיין פרייען וועג...

דער בייזער פיינט האָט אָפּגעטראָטן —
ער האָט דערגרייכט זיין מערדער־צוועק:
עס ליגט אויף אַלץ, פון עק ביז עק,
דער שווערער יאָך, דער שוואַרצער שאָטן
פון קלאָג און לייד, געוואַלט און שרעק...
די קלויסטער־לוויים הלל זינגען,
די גלעקער קלינגען...

עס הערשן פריי, פון עק ביז עק,
די שאַרפע האַק, די הויכע תליה,
די קייט פון שרעקלעכן געוויכט...
טאָ צינדט־זשע אָן די שוואַרצע ליכט
און בלאָזט די לאַנגע חרם־תקיעה,
באַלייכט, באַשיינט מיט גיהנום־גלאַנץ
דעם רויטן קראַנץ!..

אויפֿן בית־עלמין

ווייט פֿון שמערץ, פֿון גליק, פֿון אומגליק,
פֿון דעם לעבן פֿון דער וועלט —
זעסטו, קינד, די אַלטע קבֿרים
אויף דעם שטומען טויטן פֿעלד?

גרינע ביימער, גראָז און בלומען
וואַקסן, בליען דאָ און דאָרט...
אַך, ווי טרויעריק, ווי אָרעם
איז דער וויסטער, הייליקער אָרט!

ניט פֿון מירמלשטיין קיין זײַלן
זע איך שטיין הויך און שטאָלץ;
ניט קיין זילבער, ניט קיין בראָנדז
מיט געשניטן ביין און האָלץ.

און קיין אויפֿשריפֿט — „אין דעם קבֿר
ליגט אַ גרויסער, שטאַרקער העלד"...
ווייסטו, קינד, ווער ליגט באַגראָבן
אויף דעם וויסטן, טויטן פֿעלד?

קליינע, אָרעמע מצבֿות;
קורצע אויפֿשריפֿטן אויף זיי,
קליינע אומבאַקאַנטע נעמען...
ווער געדענקט, ווער ווייס פֿון זיי?

ניין, מײַן קינד! דאָ ליגן גרויסע,
גרויסע העלדן! שטאַרקע לײַט!
אָן טרומייטן, אָן כּלי־זין,
איז געגאַנגען זייער שטרײַט.

אָבער לאַנג, און שווער, און שרעקלעך
האָט געראַנגלט ער און געברענט;
מיט מיליאָנען שווערע קייטן,
מיט מיליאָנען שטאַרקע הענט —

האָט געדריקט דער בייזער שונא
זייער שוואַכע, קראַנקע הערץ,
האָט געוואַשן עס אין טרערן,
האָט געבראָטן עס אין שמערץ.

זייער שלאַכט־פֿעלד איז די ברייטע,
גרויסע וועלט — פֿון עק צו עק;
זייער שונא איז דער גלות,
אָן אַן אָנפֿאַנג, אָן אַ ברעג...

יאָ, דאָ ליגן גרויסע העלדן!
שעם זיך ניט, מײַן קינד, און וויין.
וויין, באַגיס מיט הייסע טרערן
זייער טויטן, קאַלטן שטיין!...

שווער צו זינגען

לידער דורכגעגליט פון צאָרן,
לידער אָנגעזאָפּט מיט פּיין;
אויסגעלאָשן איז געוואָרן
זייער היץ און זייער שיין.

עלנט קינד מיינס! שווער צו זינגען,
ווען עס גייט די שטורעם־נאַכט,
ווען די שווערע קייטן קלינגען
און דער בייזער תּליון לאַכט!..

זעסט? אַ שוואַרצער קברות־גאָרטן
האָט געפלאַנצט אי באַרג, אי טאָל:
ניט קיין ביימער וואַקסן דאָרטן —
תּליות, תּליות אָן אַ צאָל...

קינד מיינס, קינד מיינס! שווער צו זינגען,
ווען עס רוישט די שטורעם־נאַכט —
ווען — ווי גלעקער, קייטן קלינגען,
און דער בייזער תּליון לאַכט!..

ס׳ברענט און פלאַמט דאָס האַרץ פון צאָרן —
און דעם פלאַם פאַרלעשט דער ווינט,
ווי אַ שפּינוועבס — פון אַ דאָרן
פלאַצט די סטרונע, עלנט קינד.

יתום מיינער! שווער צו זינגען,
ווען עס רוישט די שטורעם־נאַכט,
ווען די קייטן קלינגען, קלינגען,
און דער תּליון — לאַכט און לאַכט!..

משה רבינוס קבר

(לכבוד ר׳ מענדעלע מוכר ספרים)

ולא ידע איש קבורתו...

יעדעס מאָל, ווען איך פיל, אַז עס גייען מיר אויס
אַלע כּוחות פון טראַכטן און קלערן
ווי דאָס לעבן איז ביטער, דער אומגליק איז גרויס
און קיין מיטל געהאָלפן צו ווערן, —

דעמאָלט פליען צו דיר פון דער פינצטערער וועלט
פון דעם גלות דעם שווערן און לאַנגן,
משה, געטלעכער מענטש, אונדזער קרוין, אונדזער העלד,
מיינע ביטערע, טיפע געדאַנקען.

אוי, ווי זיס וואָלט געווען אונדז אין טרויער און שמערץ
אויף זיין קבר צו קניען, — דעם שווערן,
גרויסן יאָך פון דעם קראַנקן, צעבראָכענעם הערץ
אויסצוגיסן אין הייליקע טרערן.

אָבער ווי איז אונדז, ווי! אונדזער נביא און העלד
הערט ניט מער אונדזער וויינען און קלאָגן,
האָט קיין איינציקן טרייסט אונדז געלאָזט אויף דער וועלט,
האָט אויף אייביק זיין קבר פאַרבאָרגן!..

***

און אַ קול, אַ קול פון הימל
הער איך קלינגען זיס און ריין:
— ניט קיין קבר פול מיט שימל,
ניט קיין קאַלטן, טויטן שטיין,

ניין, אַ קוואַל, אַ ריינעם, זיסן,
און אַ שטאַרקן ווי אַ טייך,
האָט ער אייביק, אייביק פליסן
אויף דער וועלט געלאָזט פאַר אייך.

אויף די ברעגן וואַקסן, בליען
בוימער, בלומען פריש און ריין;
פאַר זיין הייליק וואַסער קניען
קנעכט און קעניג, גרויס און קליין.

אינעם קליינעם, ענגן שטיבל,
אינעם גרויסן, רייכן זאַל
קוויקט און פרישט זיין וואַסער: ביבל
הייסט דער ליבער, זיסער קוואַל.

טרויער, אוממאַכט, אימת־מות —
אַלץ פאַרטרייבט ער ווי דער ווינט.
גיי צו אים אויף קבר־אָבות,
זוך אין אים דיין טרייסט, מיין קינד!״

פרילינג-ליד

עס וואַרעמט זיך, עס פּיעשטשעט זיך
דאָס גרינע אַקער-פעלד.
עס שפּראָצט אַרויס דאָס קערענדל,
דערזעט די ליבע וועלט,

דערפילט די זון די ליכטיקע,
דעם פרישן, פרייען ווינט,
עס ציט זיך צו דעם הימל-שיין
און קוויקט זיך, ווי אַ קינד...

געגוג געלעגן טיף אין דער ערד,
פון ליכט און לעבן ווייט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צייט!

שפּראָצט אויף, איר, זאַנגען גאָלדענע,
און פילט זיך אָן מיט זאַפט!
פאַרגיס, פאַרפלייץ דאָס פרייע פעלד,
אָ, יונגע, פרישע קראַפט!

דער פרילינג גייט... עס בליט, עס רוישט...
פאַרשוואונדן ווערן ווייט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צייט...

וויג-ליד

די נאַכט איז קאַלט: עס רוישט דער ווינט,
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד!
דו ביסט נאָך קליין,
דו ביסט נאָך ריין,
ווייסט נאָך ניט פון שמערץ און צאָרן,
מיט פרייד און לוסט
ביי מוטערס ברוסט
שיינען דיר די קינדהייטס יאָרן...

די נאַכט איז קאַלט; עס רוישט דער ווינט.
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד!
ס'וועט זיין אַ צייט —
פון יעדער זייט
וועסטו נייעס זען, הערן:
נייע פרייד,
נייע לייד,
ניי' געלעכטער, נייע טרערן...

די נאַכט איז קאַלט; עס רוישט דער ווינט,
שלאָף איין, מיין קינד, שלאָף איין, מיין קינד!
פרעמדע לייד
פון דער ווייט,

וועלן נייע לידער זינגען,
ווייט פון דיר
אָן אַ שיעור
וועלן שווערע קייטן קלינגען...

דו הערסט, ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד!
ס'איז דאָ אַ לאַנד,
וואו פּיין און שאַנד
האָט באַדעקט דאָס גאַנצע לעבן.
גיט קיין ציל
דעם געפיל,
דעם געדאַנק — קיין פרייען שטרעבן...

דו הערסט, ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד!
נאַכט און טאָג
שמערץ און קלאָג
זינגען טרויעריקע לידער...
דאָרט, מיין קינד,
קראַנק און בלינד
לעבן, דיינע אַלטע ברידער...

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד!

***

רו דיך אויס, מיין פויגעלע,
שטיי אויף שטאָלץ און שנעל,
ס'זאָל דיין ליכטיק אויגעלע
שיינען קלאָר און העל;

ס'זאָל דיין קליינע פליגעלע
ווערן שטאַרק און גרויס
און — אַרויס פון וויגעלע!
אויף דער וועלט אַרויס!

דאָרט, וואו שלאַפע ציטערן
פון דעם טיפן פיין,
מיט דעם שמערץ דעם ביטערן
זאָל דיין שלאַכט־פעלד זיין!

קעגן טרויער, אָרמוט, לייד,
שטרייטן ווי אַ העלד;
פרייהייט, ליבע, ליכט און פרייד
ברענגען אויף דער וועלט!..

דריי חברים

מיר זיינען געווען דריי חברים, דריי פריינט
אַזעלכע וואָס זיינען ניטאָ שוין מער היינט:

אליקום דער רויטער און נחמן קלאַרנעט
און איך, אייער איצטיקער בידנער פּאָעט.

אינאיינעם געוואַקסן, געלערנט אינאיינעם
די הייליקע תורה, דעם גלויבן דעם ריינעם,

אינאיינעם געדאַוונט, אינאיינעם געשטיפט
אינאיינעם געטאָעמט די זעלביקע לופט,

געגלויבט, אַז מיר וועלן זיך אייביק ניט שיידן
פון איצט ביז איה"ש דאָרט, אין גן־עדן.

און הערט, וואָס עס האָט זיך מיט אונדז געפּאַסירט
מיר האָבן אינדרייען אין וואַלד געשפּאַצירט

מיט דריי שרעקלעך־שאַרפע און שפּיציקע מעסער —
ביים מלאך המות אַוודאי ניט גרעסער.

איר מיינט אפשר גזלנען, — גאָט איז מיט אייך —
הושענאָס צו אָנשניידן דאָרט לעבן טייך.

די שטראַלן פון מערב־זייט האָבן, שוין קאַלטע,
באַלייכטעט אַ ווערבע אַ קרומע, אַן אַלטע,

און דאָרטן דערזעען מיר — זיצט אויף אַ שטיין
אליהו הנביא אַליין.

***

און מיט אַ קול אַ פריינטלעכן און שטילן
האָט ער געזאָגט אונדז: — „ליבע קינדער, הערט,
איך וועל אייך זאָגן וואָס מיט גאָטס ווילן
איז אויף דער וועלט אין לעבן אייך באַשערט:

„אליקומס קול וועט ווי אַ דונער ברומען,
און מענער, ווייבער, קינדער, גרויס און קליין,

אים הערנדיק, זיך בויגן ווי די בלומען
אין שטורעם, און צוגייען פון געוויין.

„דו, נחמן, וועסט זיין ווייט פון אַלע שמערצן;
ווי נאָר מען וועט דיין קול דערהערן, דאָרט
וועט ווערן גרינג ביי יעדן אויפן הערצן,
וועסט ברענגען פרייד און ליכט אין יעדן אָרט.

און איך? — „מיין קינד, פיל טרויער און פיל פריידן,
פיל גליק און אומגליק דיר דיין מזל טראָגט:
דיר איז באַשערט וואָס זיי איינאיינעםביידן" —
האָט אליהו מיר געזאָגט.

פאַרגאַנגען זיינען טעג, חדשים, יאָרן —
אליקום איז אין פוילן לאַנג אַוועק:
אַ בעל־תוקע איז ער דאָרט געוואָרן,
און פון זיין קול נעמט ממש אָן אַ שרעק...

אַ קלעזמער איז געוואָרן נחמן — שפּילן
אויף חתונות גייט ער פון אָרט צו אָרט,
און הערנדיק זיין פידל, מענטשן פילן
אין האַרצן יוגנט, פרייד און טאַנצן דאָרט...

און איך, רבותים? ווי צו מיינע יאָרן —
דער נביא האָט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט:
אַ יידישער פּאָעט בין איך געוואָרן,
און וואָס באַדייט ביי יידן אַ פּאָעט?

אַ בעל־תוקע מיט אַ כלי־זמר, ברידער!
בלאָז שופר ביז די כוחות גייען אויס,
שפּיל, פידעלע, בלאָז שופר, בלאָז און ווידער
שפּיל, שפּיל ביז די נשמה וועט אַרויס...

שלאָף און רו — אַלץ פאַריאָג,
און אין פרייד און אין פּלאָג
שפּיל, בלאָז נאָר אַ טאָג נאָך אַ טאָג!...
און איך לאַך, און איך קרעכץ,
און איך זינג, און פון שמערץ
צעגייט זיך, צערייסט זיך מיין הערץ...

צווײ טראָיקעס

א.

דער שנײ איז געגאַנגען צװײ טעג נאָכאַנאַנד,
אַ שליט־װעג אַ חיות געװאָרן,
די פערדלעך שטײען אין שליטן געשפּאַנט,
אַלץ גרײט שוין און פאַרטיק צום פאָרן.

אױ, פערדלעך־חיות! נו, זעץ זיך און פאָר! —
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטן,
צװײ פערד פון די זײטן — װי הירשן אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לײב אין דערמיטן.

דער קוטשער נעמט באַלד אַלע לײצן אין האַנט:
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיק, פרײלעך!"
דעם שליטן כאַפּט אױף מיט אַמאָל װי אַ בראַנד...
— שטײ, אײל זיך ניט, װאַרט־װאַרט, פּאַמעלעך!

נײן, ברודער, אומזיסט! װי אַ פױגל, אַ װינט,
אַ פײל פונעם בױגן, אַ װיכער,
זײ לױפן, זײ שװעבן, — זײ פליען, געשװינד,
װאָס װײטער — אַלץ גיכער און גיכער.

דער װעג איז אין פעלד װי אַ לאָקשנברעט גלאַט,
די זון שײנט פון אַלע פיר זײטן,
דער קוטשער — אַ מזיק, די פערדלעך — זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון װײטן.

פאָרט, פריצים, קאַטאַיעט זיך, — גליקלעכע טעג!..
נאָר װאַרט נאָר, װאָס איז דאָס? פּאַסטאַי־קאַ!
װער קריכט דאָס דאָרט? אײ! אײ! אַראָפּ פונעם װעג!!..
— דאָס שלעפּט זיך די יידישע טראָיקאַ!..

ב.

אַ װאָגן — אַ פּאַלאַץ! — די בױד איז געװעבט
פון גאַנצע תרי"ג אַלטע שטיקלעך,
די אַקסן מיט װאַקס פון הבדלה געקלעפּט,
די רעדער געבונדן מיט שטריקלעך.

דרײ קליאַטשעס — דרײ אָדלערס! דרײ לײבן אַ שרעק! —
זײ שפּרינגען, נו טאַקע װי זשאַבעס...
ישראליק פאָרט, פאָרט און פאָרט אָן אַן עק,
אַהײם צו פאַספּײען אױף שבת...

אַהיים... אוי, ווי ווייט נאָך, ווי ווייט איז זיין היים,
ווי שווער, נעבעך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
כאָטש טרינק זיך, כאָטש קריך אויף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעשטשעט דער סכך,
די זאַוויעסקעס סקריפּען און קנאַקן,
אַט־אַט איז אַ גרוב, אַ פאַרזינקעניש — טראַך!
ער פליט און צעברעכט האַלדז און נאַקן...

נאָר האָט ניט קיין מורא: ישראליק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכות־עגלה!
ער שלעפּט זיך דאָך שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר,
דאָס איז דאָך פון אייביק זיין ראָלע...

ער שלעפּט זיך דורך פעלדער און וועלדער אַ ים,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּעס, מדבריות,
ער האָט שוין געפּילט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פון אַלערליי ביטערע צרות.

ער האָט שוין באַגעגנט אי לייבן, אי הינט,
אי לצים, אי שלענג, אי גזלנים;
עס האָט ביז אין ביין אים געשמיסן דער ווינט
דער האָגל — געפּאַטשט אים אין פּנים.

עס איז אָבער גאָר ניט געוואָרן פון דעם:
— בילט, כלבים, עד לב השמים!
זיין טראָיקעלע שלעפּט זיך נאָך, ברוך־השם,
ער לעבט נאָך און פאָרט נאָך עד־היום.

פיל טראָיקעס געוואָרן שוין הינקענדיק, בלינד,
פיל גלעקלעך צעבראָכן, פיל בייטשן צעריסן;
עס איז שוין קיין זכר ניטאָ פון די הינט,
וואָס האָבן אַמאָל אים געביסן.

עס איז ניט געבליבן אַפילו דאָס אָרט
פון טויזנט פאַטשטאָווע קוריערן און רייטער,
און זעט נאָר, ישראליקס טראָיקע — זי פאָרט,
זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די אַלטיטשקע יידישע טראָיקע — זי הייסט:
מיר האָבן אויף איר אַ חזקה...
די אַלטיטשקע יידישע טראָיקע — זי הייסט:
תשובה ותפילה וצדקה!..

דעם שמשס טאָכטער

(אַ פאָלקס-לעגענדע)

.1

שטיל און פינצטער איז געווען
אין דעם אַלטן, ענגן שטיבל,
וואו געלעגן און געשלאָפן
איז דער אַלטער גרויער שמש.

שטיל און רואיק שלאָפט דער שמש,
און אין שלאָף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט ווי פון אַ קרומען,
וועלכער גייט־אַרום אויף קוליעס.
און דערשראָקן און פאַרוואונדערט
כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער שמש,
ער צינדט אָן דאָס אַלטע לעמפל —
און וואָס זעט ער? — גאָט, דו, ליבער!
ער דערזעט: פון וואַנט צו וואַנט
גייט אַרום אַליין זיין שטעקן...
אוי, דאָס איז אַ שלעכטער סימן —
אַז אַ גוסס איז אין שטעטל...
אין דעם אויגנבליק דערהערט ער,
שרייט זיין טאָכטער: „גיכער, טאַטע,
וועק דעם עולם! אונדזער רבי,
אונדזער רבי איז פאַרביי״...

.2

נאָך ביינאַכט, פון שטוב צו שטוב,
גייט און קלאַפּט דער אַלטער שמש.
אָבער וואָס איז דאָס מיט דבורהן,
מיט דעם אַלטן שמשס טאָכטער?

דבורה זיצטביים טיש, און הייסע
טרערן קאַפּען פון די אויגן;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּטשעט:
„אַך, דער רבי איז פאַרביי!״...
הייל אים, העלף אים, גאָט דו, ליבער!...״

הייס און ערנסט ווי אַ טאָכטער
האָט פון קינדהייט ליב דעם אַלטן,
קראַנקן רב די יונגע דבורה:
ווייל דער אַלטער מורה־צדק
האָט דאָס קינד אויך ליב געהאַט,
ווי אַן אייגענע: פלעגט רופן
אַלע שבת זי אינאיינעם
מיטן שמש ברכה מאַכן.
האָט זי אויסגעלערנט דאַווענען,
אויך געלערנט שרייבן, לייענען,
ליבלעך זאָגנדיק דערביי:
„לערן, דבורהלע, לערן, טאָכטער,
און דו וועסט, אם ירצה השם,
ווערן גרויס און קלוג ביי יידן,
גלייך ווי דבורה די נביאה!...״
און זי זיצט ביי טיש, און הייסע
טרערן טריפן פון די אויגן;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּטשעט:
„הייל אים, העלף אים, ליבער גאָט!...״

.3

אין בית־מדרש שטייט דער עולם.
גרויס און קליין געקומען אַלע
תהילים זאָגן: וויינען, בעטן
צו דעם בורא... נאָר עס העלפט נישט.
שוין פון וואַקס אַ ליכט אַ גרויסע
אָקוראַט די מאָס, פון קראַנקן,
אויסגעגאָסן, אין תכריכים
אָנגעטאָן און, ווי דער מנהג
איז ביי יידן פון פאַרצייטן,
זי באַגראָבן אין אַ קבר
ווי אַ בר־מינן... עס העלפט ניט,
אַלץ געפּרוואווט און אַלץ אומזיסט...
אמת, איינס נאָר איז געבליבן,

איינס נאָר: יעדער פון דעם עולם
זאָל אָוועקשענקען אַ חלק
פון זיין לעבן פאַר דעם חולה —
מענער, ווייבער, קינדער, זקנים
ווער אַ טאָג און ווער אַ חודש —
דאָס פאַרשרייבט מען אויף אַ צעטל
און פאַרשליסט אין אָרון־קודש...

4.

אַז צום אַלטן שמשס שטיבל,
איז מען מיט דעם כתב געקומען,
האָט זיין טאָכטער די גבאים
אָפגעשטעלט, און שטיל און רואיק
זיי געזאָגט: „פאַרשרייבט, איך בעט
אייך".
— וויפל, דבורה, שענקסטו? — וויפל?
אַך, מיין גאַנצן, גאַנצן לעבן!...
יאָ, פאַרשרייבט — איך שענק־אַוועק
אים מיין גאַנצן לעבן!" — דבורה,
האָבן זיי זי אָנגעהויבן
אָפצורייידן: נאַריש קינד,
„ווי געשיקט זיך?..." אָבער אַלע
טענות האָבן נישט געהאָלפן,
נישט געהאָלפן האָבן דאָ
אויך דעם אַלטן טאַטנס בעטן,
זיינע רייד און זיינע טרערן.
און פאַרשריבן האָבן זיי
מיט איר חתימה אין דעם צעטל,
ווי זי האָט פון זיי געפאָדערט:
דבורה שענקט איר גאַנצע לעבן!
און בשעת דער שליח
האָט דעם כתב אין שול געבראַכט
און פאַרשלאָסן אים אין אָרון,
אין דעם זעלבן אויגנבליק
איז דער חולה אויפגעשטאַנען
ווידער פריש, געזונט און יונג;
און די אומגליקלעכע דבורה,
דאָס אומשולדיק־ריינע קינד,
איז דעם זעלבן טאָג געקומען
אין איר רו... דער אַלטער טאַטע
האָט זי ערנסט, הייס באַוויינט
און געזאָגט דעם ערשטן קדיש.
אויף איר הערלעכער לוויה
איז געווען דער גאַנצער עולם
און געווינטשט פון פולן האַרצן
איר אַ ליכטיקן גן־עדן...

5.

שטיל און רואיק גייט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילן שטעטל;
מענטשן, לעבן, האָבן קינדער,
קינדער ווערן יונגע לייט,
וואַקסן, ווערן אַלט און שטאַרבן.
אויף דעם אַלטן בית־הקברות
זיינען דאָ פיל נייע קברים...
וואָס־זשע מאַכט דער אַלטער רב?
דאַנקען גאָט, ער לעבט אין פרידן,
לערנט תורה, פסקנט שאלות,
און געדענקט דאָס ליבע קינד.
ער געדענקט די טויטע דבורה,
ער פאַרגעסט ניט יעדן יאָרצייט
קויפן ליכט און זאָגן קדיש,
און אַזוי גייט שטיל און רואיק
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר.

6.

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען דורך, ער ווערט נישט עלטער,
אָבער טרויעריק נישט זעלטן
זעט ער אויס; דערציילט נישט קיינעם,
וואָס ער פילט און וואָס ער טראַכט
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער,
אַז ביינאַכט, בשעת ער
זיצט און לערנט ווי געוויינלעך,
הערט זיך אים אַ פרויען־שטימע,
זיסע לידער, ליבע לידער
קלינגען, פליסן פונדערווייטן,

און פּאַר זײַנע אַלטע אויגן
שטייט אַ בילד... אָך, ער דערקענט,
ער דערקענט דאָס זיסע פּנים
פון זיין תּלמידקע, פון דבורהן,
און ער בעט זי: זיי מיר מוחל!
זיי מיר מוחל, ליבע טאָכטער,
וואָס דורך מיר ביסטו געגאַנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואָלסט לעבן,
וואָלסטו איצט געווען אַ כּלה!..."

7.

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען דורך, און איינמאָל הערט ער
אַ געשריי פון אַ יולדת...
און ער וויינט, באַגיסט מיט טרערן
די גמרא... „— זיי מיר מוחל! —
בעט דער זקן — ליבע דבורה,
אַז דו וואָלסט געבליבן לעבן
וואָלסטו איצט געווען אַ מוטער"...
און אַזוי אויך יעדע נאַכט
הערט זיך אים איר יונגע שטימע —
זיסע, ליבע וויגן־לידער
זינגט בײַנאַכט די טויטע מוטער...

8.

דרייצן יאָר גייען דורך... ער הערט
ווי איר זון, שוין אַ בר־מצווה,
זאָגט אַ גרויסע, שיינע דרשה..
„— ער וואָלט זיין אַ גרויסער למדן,
— טראַכט דער רב — און וויפל פרייד
וואָלט געהאַט פון אים די מאַמע!"
ווייטער הערט ער — קלעזמער שפּילן:
פידלען, טאַצן און קלאַרנעטן
קלינגען, זינגען פון דער וויטן...
„זי מאַכט חתונה אַ טאָכטער —
טראַכט דער אַלטער — צו דער חופּה
פירט זי איצט די טויטע מאַמע"...

9.

און פון דעמאָלט אָן, טאָג־טעגלעך,
הערט און פילט און זעט דער זקן
יעדן צושטאַנד פון איר לעבן.
און ער וויינט מיט הייסע טרערן,
און ער בעט דעם בורא־עולם:
„— גיב מיר, גאָט, איך זאָל דערהערן
איר געוויין, איר ביטער זיפצן,
אירע טרערן זאָל איך זען —
כאָטש די איינציקע נחמה
זאָל איך האָבן, אַז אין לעבן
וואָלט זי אויך געליטן צרות,
וואָלט זי אומגליק אויך געפילט,
און עס וואָלט ביי איר געוועזן
כאָטש איין־איינציקע מינוט,
ווען זי וואָלט די וועלט פאַרשאָלטן
און געוואונטשן זיך דעם טויט!..."

10.

נאָר אומזיסט איז זיין בקשה:
זיסע לידער, ליבע לידער,
הערט ער זינגען אין דער פינצטער,
גליקלעך וואָלט געווען איר לעבן —
יענעס שטיל פרויען־לעבן,
וועלכע גלאַנצט נישט ווי די זון,
נאָר עס שיינט אָן ווינט און וואָלקן,
ווי דער העלער מאָרגנשטערן...
און עס גיסן זיך און גיסן
זײַנע טרערן טעג און יאָרן.
„ליבער גאָט! — איז ער מתפּלל —
טו מיט מיר דיין גרויס גענאָד,
אָך, באַפריי, באַפריי מיין אַלטע,
מיין פאַריאָמערטע נשמה;
שטאַרבן, שטאַרבן העלף מיר גיכער,
ליבער פאָטער, גרויסער גאָט!..."

11.

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען דורך. דאָס קליינע שטעטל
איז שוין לאַנג אַ שטאָט געוואָרן,
אַ באַקאַנטע, רייכע שטאָט,
הונדערט מענטשן, צענדלינג זקנים,

וועלכע ער געדענקט פאַר קינדער
ליגן שוין אויף דעם בית־עלמין;
ער נאָר איינער לעבט און לעבט.
נייע צייטן, נייע מענטשן,
נייעס לעבן און מנהגים;
פרעמד און איבעריק, ווילד און עלנט
איז דער זקן צווישן זיי.
טונקל זיינען זיינע אויגן,
אויסגעדאַרט דער גאַנצער קערפער,
און ער קלאָגט צום בורא־עולם,
וויינט און בעט אויף זיך דעם טויט...
איין געדאַנק און איין געפיל
איז דעם זקן נאָר געבליבן:
שטאַרבן! שטאַרבן!... און צו לעצט
האָט זיך גאָט אויף אים דערבאַרעמט.
פינצטער איז געוועזן די נאַכט,
שרעקלעך האָט געררישט דער שטורם;
ווי אַ קינד געקלאָגט, געיאָמערט

האָט די קאַלטע, שוואַרצע נאַכט.
אָפּגעוואָוינט שוין לאַנג פון אַלע
לעבנס־פריידן, לעבנס־שמאַרצן —
זיצט דער זקן אין בית־מדרש...
מיטאַמאָל דערהערט זיך אים —
אַ געוויין, אַ קלאָג פון קינדער...
פּושקעס קלאַפּן אין די גאַסן
און מען זינגט אל מלא רחמים...

„דאָס וואָלט זי געשטאָרבן איצט!״
האָט מיט פרייד געזאָגט דער זקן —
— „אויס, אַ סוף צו מיינע שמאַרצן!...
נעם מיך מיט, מיין ליבע דבורה,
אויף דער ריינער, וואָרער וועלט״...

שטיל און רואיק האָט באַפרייט זיך
פון דעם קערפּער זיין נשמה...
און אויף מאָרגן האָט דער עולם
הייס און ערנסט אים באַוויינט.

מיין עפּיטאַפיע

(אויפשריפט אויף דער מצבה)

פיל ביטערע, פיל טרויעריקע לידער
האָב איך איך שוין געזונגען, ליבע ברידער!
מיט אַלע כוחות, מיט דעם לעצטן צאָן
געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן,
געקייט די ליבע שפּראַך פון אונדזער מאַמען,
געפּעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכן זי אַ ביסעלע כאָטש ווייך
און צו פאַרדושען יענעם ליבן ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס
מיט אַלערליי פאַרוואַלגערטע אָסטאַטקעס,
וואָס שמעקט אויף דרייצן מייל אַרום דעם אָרט,
וואו נאָר עס בליט כאָטש איין זשאַרגאָניש וואָרט...
אַך, ברידער, וויפל יאָר האָב איך צו טאָן
מיט דעם געשמאַקן, טייערן זשאַרגאָן;
מען האָט מיך שוין געלויבט און אויך געזידלט —
איך האָב געהערט און האָב מיר אַלץ געפידלט...

נאָר יידן זיינען דאָך אָן עם קשה ערף,
אַ ביטער פאָלק, גאָר ניט ווי אַלע לייט:
נאָך פון דעם ים־סוף ביז דעם מדבר־חורב,
פון מדבר־חורב און ביז אונדזער צייט
האָט גאָט אַליין באַשיימפּערלעך באַוויזן,
אַז כאָטש צערייס זיך — גלעט זיי, לויב זיי, בענטש —
ניטאָ קיין סוף צו זייערע קאַפּריזן,
היינט וואָס קען טאָן מיט זיי אַ שלאָפער מענטש?
בפרט נאָך אַ זשאַרגאָן־מחבר?

„— שרייבן?
איר ווילט, רב קרוב, שרייבן? — זאָגט אַ ייד —
גוט, שרייבט אייך; נאָר איר זאָלט קיין נאָר ניט בלייבן,
ניט קומען מיטן בייטשל פון יריד,
פאַרגעסט ניט אַז איר האָט צו טאָן מיט יידן.
איז שרייבט אַזוי — פאַרשטייט איר מיך — אַזוי
אַז אַלע זאָלן זיין מיט אייך צופרידן...
פאַרשטייט איר מיך?..."
אוי, ליבע יידן! אוי!
איך האָב ביז איצט פון אַלע, אַלע זאַכן
נאָר איינס פאַרשטאַנען, שרייבן, דאַרף מען דאָס
למען־השם, נאָר טאַקע דאָס, פון וואָס
דער עולם זאָל הנאה האָבן, לאַכן.
„אַי, לאַכן! אַי אַ חיות! שרייבט, הער פרוג!
געגנוג אייך זיפצן, כ'לעבן, עט, געגנוג!
אַ חכמהלע, אַ פשטלע, אַ וויצל,
קאַטאָוועסלעך מיט גראַמען אָן אַ שיעור.
אַזוי, אַז יעדער אות זאָל טאָן אַ קיצל"...

איך קען עס ניט, איך קען ניט, — ווי צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע הנדעלעך מאַכן
איך קען ניט לאַכן, גוואַלד — איך קען ניט לאַכן
דערפאַר אויף מיין מצבה אַז מיר ווער
איה"ש דאָס לעבן געבן גט —
כדי איר זאָלט אָן מיר נקמה האָבן
שרייבט אויף:
„פה נטמן — אָט דאָ ליגט באַגראָבן
אַ טיפש, אַ משוגענער פּאָעט
אַ ווילדע זאַך, אַ חסר־דעה, כ'לעבן:
ער האָט געוויינט, געוויינט דאָס גאַנצע לעבן!!!..."

דער בעכער

פון רוסיש: י. ל. פּרץ

— זאָג מיר, מאַמעשי, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר פאַרציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימל דאָרט פאַר גאָט,

אַז פאַר גאָט דאָרט שטייט אַ בעכער —
און ווען מיר קוועלן זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות,
לאָזט אין כוס אַריין אַ טרער?

— אמת, קינד מיינס! — אך, מאַמע, מאַמע,
איז אויך אמת, איז אויך זיכער,
אַז משיח, דער וועט קומען,
קוים וועט ווערן פול דער בעכער?!

— אמת! — און דאָס קינד פאַרקלערט זיך,
וואַרט אַ ווײַלע טרויעריק, שטיל,
פרעגט דערנאָכדעם: אָבער, מאַמע,
וועט דער בעכער זיין ווען פול?

און עס הייבט די בלויע אויגן
טרויעריק צו דער מוטער אויף:
— צי איז אָן אַ דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר ליידן אָן אַ סוף?

ווי לאַנג מיר ליידן שוין אין גלות?
און דער כוס וויל פול נישט ווערן!
אפשר טריקענען דורך די יאָרן
אינעם בעכער אויס די טרערן?

און צערודערט בלייבט די מוטער
איבערן פרומען קינד געבויגן,
און עס ציטערן די ברעמען...
פון די מוטערלעכע פייכטע אויגן,

פאַלן טרערן — צוויי בריליאַנטן
אויפן קינדס פאַרקלערטן שטערן!

גאָט אין הימל, האָב רחמנות,
נעם אין כוס אַריין די טרערן!

טראָג אַוועק מיין נשמה...

פון רוסיש: אברהם זאַק

טראָג אַוועק מיין נשמה דאָרט ווייט אינעם בלוי,
וואו גאָלדענע סטעפּעס אין רחבותן ליגן,
אַזוי ברייט ווי מיין טרויער באַשערטער, אַזוי
ווי מיין וויי, וואָס ווערט קיין מאָל אַנטשוויגן.

איך וועל וועקן די האָפענונגען אַלטע אויפסניי,
דעם וואַרעמען גלויבן, די ליכטיקע טרוימען,
ווי אַ כוואַליע אַ ברייטע אין סטעפּישן פריי,
כ׳וועל די טרערן די הייסע נישט צוימען.

איבער קלינגענדיקע סטרונעס כ׳וועל פּעסט טאָן אַ שלאָג,
ווי אַ שטראָם וועלן פליצן פאַרגעסענע קלאַנגען:
מיטאַמאָל וועט נשמה אַ גאָס טאָן מיין קלאָג,
אַלע רייפע, אומענדלעכע באַנגען.

טראָג אַוועק מיין נשמה אין פרעכטיקן בלוי,
וואו גאָלדענע סטעפּעס אין רחבותן ליגן,
אַזוי ברייט ווי מיין טרויער באַשערטער, אַזוי
ווי מיין וויי, וואָס ווערט קיינמאָל אַנטשוויגן.

דער וואַלד־חלום

עס שטייט אַ דין, יונג ביימעלע
פון שטילן טרוים געפאַנגען,
מיט זילבער־קלאָרע שניי־לאָקן
באַפלאָכטן און באַהאַנגען.

מיט דימענטענע אוירינגלעך,
מיט רייכע פּערל־שנירן —
די צאַרטע, יונגע צווייגעלעך
וואָס העלער צו באַצירן.

דער גרויער זיידע שיט עס אָפּ
מיט טייערע פּרעזענטן —
מיט קייטעלעך קרישטאָלענע,
מיט פרענדז און פּאַזומענטן.

ער אָטעמט, ווייט און פאַכט אויף זיי
מיט ווייסע זיידן־טיכער,
וואָס טיפער צו פאַרשלעפּערן,
פאַרוויגן זיי וואָס גיכער...

און דאָך וואַכט אויף דאָס ביימעלע,
עס ציטערט ווי פון פיבער...
עס הערט זיך צו און פרעגט מיט שרעק:
„וואָס איז דאָס, זיידע ליבער?

„דער אָוונט־שאָטן וויקלט מיך
אַרום פון אַלע זייטן...
ווער גייט עס דאָרט אין וואַלד אַרום?
וואָס רוישט עס פון דער ווייטן?..״

„מיין נאַריש קינד! עס טרוימט זיך דיר
אין שלאָף, אין זיסן, שטילן...
דאָס שפּרינגען גרויע העזעלעך
אין שניי־באַל דאָרט צו שפּילן;

עס קלעטערן די וועווריקלעך
פון בוים אויף בוים; עס לויפן
די געלע פיקסעלעך צום מאַרק
כפרות־הענער קויפן״...

„אך, זיידעניו! די שוואַרצע נאַכט
שטייט אויף פון אַלע זייטן...
וואָס קלאַפּט עס דאָרט, אין טיפן וואַלד?
וואָס קלינגט עס פון דער ווייטן?..״

— „שלאָף, נאַריש קינד! אַ חלום שוועבט
אויף דיין באַצויבערט וויגל...
דאָס פליען דאָרט די וואַלד־היגער
און פּאַטשן מיט די פליגל;

„עס פּיקט דער שפּעכט, דער האָלצהאַקער,
די דינע, דאַרע קאָרע;
די אייז־קריסטאַלן שיטן זיך,
די קלינגענדיקע, קלאָרע...

„חוץ דעם איז תנאים הייגט אין וואַלד
ביים וואָלף, און ווייסט, מיט וועמען?
ער נעמט אַ יונג, וויס ציגעלע
מיט ווייכע, לאַנגע ברעמען,

„מיט מילדע, בלויע אויגעלעך,
אַ כשרע, אַ שטילע;
מען זאָגט — אַן אַלטע ליבע שוין,
און נדן אויך אַפילו.

„געוויינלעך, ברעכט מען טעלער דאָרט,
מען קלינגט מיט גאָפּלען, מעסער...
נו, שלאָף־זשע־איין, מיין בוימעלע
און רו זיך אויס וואָס בעסער״...

***

און שטאַרקער האָט דאָס בוימעלע
דער שלאָף אַרומגענומען...
עס הערט שוין ניט, ווי ס׳קלאַפּט די האַק,
און ווי די זעגן זשומען...

עס זשומט און קלאַפּט, און קריצט, און קלינגט...
די אַלטע בוימער שטייען,
ווי אין תכריכים אָנגעטאָן...
באַגינען־ווינטלעך ווייען...

און אין דער פּורפּור־מאָרגנשיין,
באַגאָסן מיט די פריע
און קאַלטע שטראַלן, הויב זיך אויף
אַ ניי־געבויטע תליה...

דער מאַי־ווינט

1.

די הימלען קלאָר, די וועלדער גרין —
און ס׳פּלאַטערט פונדאָסניי
דאָס ליב און ליכטיק מעשהלע
פון יונגן חודש־מאַי . . .
עס שטייט ביים טייך אַ מיידעלע.
אַ גאָלדן, האַרציק קינד;
די זיידן־לאָקן קרייזלען זיך
פון פרייען פרילינג־ווינט.
זי וואַרט, זי רופט: „קום, טייערער,
זיס האַרץ מיינס, קום צו מיר!
איך גלוסט צו דיר, איך בענק נאָך דיר
איך בלי, איך גלי פאַר דיר”...
זי רופט... זי וואַרט... אין האַרצן וואַקסט
אַ זיסע ליבעס־ווי...
און פריילעך יאָגט צום ברעג דער ווינט
אַ זעגל וויס ווי שניי...

2.

עס פליט און רוישט אין ליכט און גלאַנץ
די גרויסע צויבערמאַכט.
די אַלטע, פרומע קלויז האָט אויך
אַ פענצטער אויפגעמאַכט.

בײם פֿענצטער זיצט אַ בחורל,
אַ בלײך און מאָגער קינד;
עס קרײזלט אים די פּאותלעך
און שפּילט מיט זײ דער װינט.
ער לאַשטשעט זיך צום בחורל
און רוימט אין אויער־איין

אַ טיפן סוד, אַ װילדן סוד
פֿון העלן הימל־שײן
פֿון יונגן, שײנעם בן־מלך
אין װײטן קעניגרײך,
פֿון לאָקן, לאָקן גאָלדענע
בײם שטילן, בלאָען טײך...

3.

אין שטומען קערקער זיצט אַ מענטש
אין קייטן פֿעסט געשמידט
קיין לעבנס־אָפּקלאַנג הערט ער ניט.
קיין דורכשיין זעט ער ניט.
און דאָך דורך אײזן, שטאָל און שטײן
דרינגט דורך אַ פֿרילינג־שטים,
פֿאַרװיגט דאָס בײז, פֿאַרביטערט האַרץ
און טוליעט זיך צו אים...
אַ קװעלכל קלינגט אין װאַלד און שיט
מיט פּערל און קרישטאָל . . .
עס חלומט זיך אַ בלאָער טײך
אַ שטילער, גרינער טאָל...
דאָס בײז, פֿאַרביטערט האַרץ שלאָפֿט־אײן
און אָטעמט שטיל און פֿרײ.
געבענטשט זאָל זײן דאָס מעשהלע
פֿון ליבן חודש־מאַי!

4.

דאָס װײגטל פֿליט אַרײן צו מיר,
עס קושט מיך, האַלדזט און גלעט,
באַװײט, באַפֿרישט מיט פֿעלד־געדוך
מײן בעט, מײן װײטיק־בעט,

בלאָזט־אויף אַ סיגנאַטור, צעשיט
אַ פֿראַשעק . . . כאַפּט פֿאַרשײט
אין „מעבר יבוק״ *) זיך־אַרײן
און בלעטערט זײט נאָך זײט —

און מאַכט אים צו, און קלאַפּט אים צו —
און לאַכט, און זינגט, און פֿליט...
עס קוקט אַ מאַנדעלבוים צו מיר
אין פֿענצטער, גרינט און בליט,
און שמײכלט... כ׳טרינק מײן מעדיצין
און שמייכל צו דערבײ...
אוי, אוי, דער װײסער חברהניק,
דער זיסער חודש־מאַי!...
1912.

*) אַ ספֿר, װאו עס געפֿינען זיך דינים װי נוהג צו זײן זיך מיט אַ מת, קבורה ובדומה.

פרילינג־טרוים

פאַרשוואונדן דער קרישטאָלן־שלאָס
מיט טויטן ווינטער־שטויב,
און אָפּגעמעקט דאָס מערכעלע,
דאָס ווייסע פון דער שויב,
דאָס מערכעלע, וואָס האָט מיין האַרץ
געדריקט מיט צויבער־מאַכט,
דעם קורצן, גראָען ווינטער־טאָג,
די לאַנגע, שוואַרצע נאַכט.
וואַך־אויף, מיין האַרץ! וואַך־אויף, מיין ליד!
דער כישוף איז פאַרביי —
דער אַלטער ערד איז אומגעקערט
איר יוגנט פונדאָסניי.
געדאַנק און וואָרט, און מענטש, און גייסט,
ליכט, שאָטן, יונג און אַלט
פאַרוועבן זיך און בילדן־אויס
איין שטראַלנדיק געשטאַלט,
איין שטראַלנדיק, איין קלינגענדיק,
איין וועלט־אַל האָכצייטס־ליד —
און אויגנבליק מיט אייביקייט —
אַזוי ווי גליד מיט גליד.
און שיין און דופט, און רוים און לופט,
און קלאָרער האַרפּן־קלאַנג
פאַרמישן זיך, פאַרוואַנדלען זיך
אין זיסטן פרייד־געטראַנק.

אוי, נאַריש האַרץ! אוי, אָרעם ליד! —
זיי זעען, פילן ניט,
ווי ס׳וואַקסט אַן אַנדער טורעם־שלאָס,
פאַרצוימט מיר יעדן טריט —
אַ פרילינג־שלאָס, אַ חלום־שלאָס —
און ווי מיט בלומען־שטויב
פאַרווייעט, פאַרבלענדט, פאַרטונקלט ווערט
מיין שויב, מיין קלאָרע שויב...

1912.

דער שמייכל

(לעגענדע)

געלעבט אַמאָל אַ נביא. און געווען
איז דאָס אין יענע שטילע אַלטע צייטן,
ווען דאָס פּראָפּעטן־וואָרט, אין פּיין און צאָרן
געבוירענעם, האָט קיינער אויף דער וועלט
נאָך ניט געהערט. און דאָך איז ער אַ נביא
געווען. —

די וועלט האָט נאָך צוערשט געטרוימט
פון פרילינגס־דופט, פון זיסן ליבעס־פיבער
און ניט געוואוסט און ניט געפילט דעם גרויסן,
דעם טיפן פּיין פון מוטערשאַפט.
דער לעבנס־בוים האָט קוים נאָך אויפגעצויגן
די קינדהייטס־ריינע שפּראָצן זיינע,
און גאָט האָט נאָך געהאָפט אויף גוטן וואוקס
און זיסע פרוכט פון זיין געבענטשטער פלאַנצונג.

געקומען איז ער פון די גרויסע קוואַלן,
וואָס פליסן ווי אַ בלאָער עטהער־טייך
אויף יענער זייט פון די צעגליטע פעלדזן
און גאָלד־זאַמדן. ווי פון לבנה־שיין
איז זיין געשטאַלט געווען באַלויכטן.
די ליבע מוטער, די נאַטור,
האָט פון די פיינסטע לעבנס־פעדעם
געוועבט אַ קערפּער און אין אים
אַ בענטש־ליכט — אַ נשמה — אָנגעצונדן.
און מילד און ליכטיק איז זיין בליק געווען,
און העל זיין שטים, און העל די קליידער זיינע.
אין האַנט אַ פרישן ראָזמאַרינען־צווייגל
פון טוי באַפּערלט — פלעגט ער צו די בערג
טאָג־טעגלעך ווענדן זיינע שטילע טריט —
בוריאַן און דאָרן, זאַמד און שטיין באַגריסן,
באַגעגענען דעם דערוואַכטן מאָרגן־שטראַל,
דעם שלעפעריקן אָוונט־בליק באַגלייטן.

און אין די פעלדער פלעגט ער קומען
און אין די גערטנער — אָפּציען און שאַרפן

די שניט־אײזן און העלפן גאַרבן בינדן
און פלעכטן קערב. פון שילף אַ פלייט געמאַכט
און שטילע, זיסע — אומבאַקאַנטע
אין יענעם געגנט — מעלאָדיען שפּילן,
און קײנמאָל ניט און ערגעץ ניט צו מענטשן
מיט רייד זיך ווענדן. —
אײן מאָל, ווען דאָס קיל
באַגינען־ווינטל לעשט די לעצטע פונקען
אין בלויען פּאַלאַץ פון דער נאַכט,
האָט זיך פּאַר אים דער הימל־גייסט באַוויזן
און אים מיט זיך אין פעלד אַוועקגעפירט —
ביים האָניק־גראָז אַ טויעלע גענומען,
אַ טרער ביים ווילדן ביטער־קרויט,
ביים וועטער־בליץ דעם דימענטענעם ציק־צאַק,
ביים יאָרצייט־ליכט — דאָס בלייך, פאַריתומט פלעמל,
פאַרוואַנדלט און מיט שכינה־שיין באַשטראַלט
און אויסגעגאָסן אויף די ליפּן אים
דעם שמייכל. —

און קײנמאָל ניט און ערגעץ ניט צו מענטשן
פלעגט ער מיט רייד ניט ווענדן זיך.
נאָר פון די ליפּן זײנע, פון די שטילסטע
און ריינסטע, פלעג דאָס מענטשן־האַרץ גענוסן
דעם זיסטן האָניק און דעם שאַרפסטן גיפט. —
און קינדער אין די ראָזמאַרינען־קרענץ
און זקנים אויפן שטעקן אָנגעלענט,
ניט ווויסנדיק פון גרויסן הימל־גייסט,
ניט הערנדיק זיין שטים און זיין געשטאַלט
ניט זעענדיק, זײ אַלע פלעגן טאָן
זיין רצון. —

און געוועזן איז דאָס דעמאָלט,
ווען ס'האָבן נאָך נביאים ניט געגרימט
מיט בליצן־וואָרט, מיט דונער־צאָרן
און אויף דער וועלט נאָך ניט געווען.

.1912